און בשעת דער חינוך איז אוועקגעשטעלט געווארן אז חינוך איז גענוג אז מ׳קלייבט צוזאמען ידיעות, אבי מ׳גיט ידיעות אין פארשידענע ענינים – אט דאס הייסט ״חינוך״, און וויבאלד אז אין דערויף האט ער זיך מצטיין געווען, אדער ניט מצטיין געווען וכו׳, האט ער אויכעט מצרף געווען צו די ידיעות וואס ער האט צוזאמענגעקליבן, אויכעט א ידיעה ווי אזוי מ׳דארף זיך באנוצן מיט כלי נשק! ביז וואנעט אז מ׳איז זיך אין דערויף ״משתלם״: וויבאלד אז דער צוזאמענקלייבן ידיעות איז דאס ניט פארבונדן מיט א מטרה, וואס די מטרה איז כדי ס׳זאל אראפברענגען טוב פאר זיך, טוב אמיתי, און טוב פאר דעם ארום; נאר די מטרה איז – כדי באווייזן אז ״אני ואפסי עוד״, במילא דארף מען זיך ניט מיישב זיין און דורכרעדן מיט א צווייטן, על-אחת-כמה-וכמה אז מ׳דארף ניט פאלגן קיין צווייטן.

דערנאך איז מען אים מחנך אין אזא מין אופן אז דאס דארף הייסן כאילו אז מ׳האלט פון ״ליבעראליזם״, אז מ׳טאר זיך ניט מישן בחיי – אין דעם לעבן – פון א קינד; מ׳דארף אים לאזן גיין לנפשו, און אט דאס וואס ״עיר פרא אדם יולד״ – איז אט דאס איז פארבונדן אז דער אויבערשטער האט אים אזוי באשאפן, במילא האט דאס צו דעם פאטער מיט דער מוטער קיין שייכות ניט, און זיי לאזן זיך אים ״פאשען״ און פירן זיך ווי ביי אים קומט אויס.

ס׳איז דא דער חוק המדינה אז מ׳דארף גיין אין א בית ספר, איז דער בית ספר מיוסד און דורכגענומען אז וואס דארף געבן א בית ספר? דארף ער געבן ידיעות.

ניט ער דארף אויספורעמען, אויפמאכן דעם ״יצר לב האדם״ אז ער זאל זיין מיט מדות טובות, און זאל וויסן, אז אמת טאקע אז ער גייט און לערנט אין דעם בית הספר, אבער דער עיקר לערנען זיינער איז – ווי אזוי צו טאן טוב ארום זיך, און דאס איז דער טוב האמיתי פאר זיך; איז דאס איז אינגאנצן ניט אריין אין דער ״תוכנית״ און אין דעם ״פראגראם״ פון בית ספר.

על-אחת-כמה-וכמה אויב אפילו ווען דאס גייט דארט אריין איז דאס פארבונדן מיט יראת העונש, אז טאמער וועט ער זיין א נאר און וועט זיך לאזן כאפן, וועט מען אים דערפאר מעניש זיין – איז דאס גופא איז מדגיש: וויבאלד אז מ׳גיט אים פריער די הכרה אז ער איז עומד לנפשו, און ער איז דער ראש לכל, במילא איז דאך א זיכערע זאך אז ער וועט קענען איבערקליגן און געפינען א תחבולה אויף ארויסדרייען זיך פון דעם עונש.

ואדרבה, ווען באווייזט ער זיין גרויסקייט? בשעת ער טוט אן ענין וואס איז פארבונדן מיט א צרה און מיט א נזק וכו׳, און באווייזט אז ער האט זיך ניט וואס צו רעכענען מיט דעם ארום זיך.

און דער ענין אז ס׳איז דא איינער, אז ס׳איז דא אן ״עין רואה ואוזן שומעת״ – האט ער קיינמאל ניט געהערט אין אן אופן פון ״דברים יוצאים מן הלב״.

אויב ס׳איז געווען אמאל געזאגט – איז דאס געווען אין אן אופן פון ״מן השפה ולחוץ״ און פון יוצא וועגן.

ווער רעדט נאך אז ווען ער איז אריין אין בית ספר, האט מען אים מדגיש געווען, ער זאל וויסן זיין, אז ניט ״בית ספר״ איז דאס אן ענין וואס מישט זיך אין זיין ״כאראקטער״ און אין זיינע מדות טובות; ער איז אן אומאפהענגיקער מענטש, נאר מ׳גיט אים די מעגלעכקייט ער זאל צוזאמענקלייבן ידיעות, ״נאולעדזש״, און זאל דאס דערנאך קענען נוצן: ווי ס׳וועט זיין דער ״ישר בעיניו״, אט אזוי ״יעשה״.

און אט דאס וואס ער הערט אמאל דערמאנענדיק דעם אויבערשטן – איז מען אים מסביר אז ס׳איז דא דער ענין פון ״סעפעריישן״: ס׳איז אפגעטיילט חינוך און לימוד פון דעם ענין פון אמונה.

און ס׳איז ניט ״אפגעטיילט״ אז מ׳דארף האבןביידע זאכן, נאר מ׳לערנט דאס אין באזונדערע שעה׳ן; נאר ס׳איז ״אפגעטיילט״ אין אן אופן רחמנא ליצלן אז מ׳גיט ניט קיין געלט אויף לערנען וועגן אמונה בה׳, מ׳גיט ניט קיין צייט אויף מתפלל זיין צו בורא העולם ומנהיגו, און מ׳טוט דאס נאך אן אין אן ״איצטלא״ אז אויף דערויף איז מיוסד דער גאנצער מהלך מדינה זו, בשעת אלע ווייסן אז דאס איז היפך המציאות: די גאנצע מדינה איז מיוסד געווארן דורך דערויף וואס ס׳זיינען געווען מענטשן וואס מ׳האט זיי ניט געלאזט זיין מאמינים אין בורא העולם ומנהיגו מיטן גאנצן שטורעם, האבן זיי געדארפט אנטלויפן פון דארטן, און זיינען געקומען אהערצו, אין ארצות הברית, און מייסד געווען אט די מדינה מיט דער כוונה – זיי זאלן קענען זיין מאמינים, און דינען דעם בורא עולם ומנהיגו, וואס ״כל העמים ילכו איש בשם אלקיו״.

האט מען דאס איבערגעדרייט און מהפך געווען, און אויף דערויף מייסד געווען דעם חינוך, אז ס׳זאל זיין, ניט ווי מ׳טייטשט דאס אפ – אז דאס איז אפגעטיילט פון דת; נאר מ׳איז מחנך מיט דער הדגשה, אז דער ענין פון דת טאר רחמנא ליצלן – ווי זיי זאגן – ניט דערמאנט ווערן בבית הספר פון קינדער, ווארום דאס איז אנטקעגן די יסודות פון דער מדינה.

און בשעת ס׳גייט דורך שעות נאכאנאנד הערט ער זיך אלץ אן פון גדלות האדם, פון זיינע כוחות וואס ער האט, און מ׳דערמאנט אים גארניט: ניט נאר וועגן ״גדלות הא-ל״; מ׳דערמאנט אים קיין ווארט ניט אפילו וועגן ״**מציאות** הא-ל״.

אט דאס ברענגט דערנאך ארויס אט די פאסירונג און אט די מעשה בלתי רצוי.

און וואס לצערנו הרב טראכט מען אלע ערליי זאכן ווי אזוי דאס צו באווארענען מכאן ולהבא, אבער וועגן וואס טראכט מען? ווי אזוי צו באווארענען די תוצאות, בלשון המדינה: ״די ״סימפטאמס״! מ׳טראכט ניט ווי אזוי צו באווארענען די ״שיטה״, דער צוגאנג, וואס האט געבראכט צו אט די תוצאות.

וכמדובר כמה פעמים, אויפן היילן א מסוכן׳דיקן חולה איז דא צוויי וועגן: אז מ׳ווארט ביז וואנעט ער ווערט א ״חולה שיש בו סכנה״, און דערנאך זוכט מען וועגן ווי אזוי אים צו היילן, אדער מ׳שיקט אים אריין אין א בית רופאים, וואס דארטן איז ער איינגעשלאסן אלס איינער וואס ער איז היפך פון מנוחת הנפש, ווארום ער איז א פרוע בנפשו.

און דערנאך איז דא דער אמת׳ער וועג, וואס דאס איז צו באווארענען אויף ״לא אשים עליך״, ״כל המחלה אשר שמתי במצרים״:

ס׳איז דא די מציאות פון אזא מין מחלה, אבער דער וויסן אז ס׳איז דא אזא מין מחלה – דארף דאס ברענגען צו דער תוצאה אז מ׳זאל גלייך איבערשטעלן דעם חינוך אז ס׳זאל זיין מלכתחילה ״לא אשים עליך״: דער חינוך זאל זיין אין אזא מין אופן ס׳זאל ניט איינפאלן וועלכן ס׳זאל ניט זיין, און דער עיקר – ס׳זאל ניט איינפאלן צו בני עשירים.

ביז וואנעט בני עניים וועלן זיך קענען דערלויבן די אלע זאכן – דארפן זיי דורכגיין כמה ענינים, ביז וואנעט זיי וועלן באקומען געלט, און האבן די ווילדקייט אויף פירן זיך ווי ביי זיי קומט אויס, בלי מונע.

מה-שאין-כן בני עשירים, וואס די עלטערן האבן פון זיך אראפגעווארפן די גאנצע אחריות פון אויפבויען פון זייערע קינדער מאמינים, ווארום די עלטערן זיינען אויך ניט קיין מאמינים ווי ס׳דארף צו זיין.

נאר וואס דען, זיי האבן דאך פילן אז זיי דארפן עפעס טאן פארן קינד, גיט מען אים כל מה שלבו חפץ, און מ׳האלט אים אין איין זאגן און פאטשן אויף דער פלייצע, אז ער איז א ״גוד באי״, א גוטער און א געזונטער און א קלוגער וכו׳, און דערנאך קומט ארויס אט דאס וואס מ׳האט געזען וואס ס׳האט געטראפן... קיין געלט האט ניט געפעלט, האט ער געקענט קויפן כלי נשק.

דער חינוך המקולקל: מקולקל דערמיט וואס ער איז מיוסד אויף ״כוחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה״.

בשעת מ׳וועט געבן דעם תלמיד אדער די תלמידה כח ועוצם יד, דורך דערויף וואס זיי וועלן מאכן די איבונגען אויף שטארקער מאכן דעם גוף, און דערנאך וועט מען זיי געבן ידיעות ווי אזוי מ׳קען נוצן די ענינים וואס זיינען ארום זיי כדי צו ממלא זיין זייער רצון, און דער רצון זייערער איז, ווי ער איז געבארן געווארן, כאמור, ״עיר פרא אדם יולד״ – האט דער רצון ניט באקומען קיין חינוך; דער חינוך איז נאר מיוסד, אין בעסטן פאל, אויף יראת העונש, און איז מיוסד און פארבונדן מיט שלילה – בפירוש, אדער על כל פנים בעקיפין – ער זאל ניט האלטן אז ס׳איז דא אן ״עין רואה ואוזן שומעת״ אויף אלע זיינע זאכן און פירונגען.

וואס אט דעמאלט, פונקט אזוי ווי וועט ער שטייט בפני בשר ודם, און דער ״סעקיוריטי מאן״ שטייט לעבן אים, און ער זעט אז ער קוקט זיך צו ווי אזוי ער נעמט ארויס די כלי נשק – איז אפילו אט דער מענטש וואלט אויך דאס ניט געטאן.

בשעת ער איז אבער געשטאנען הינטער דעם מאן, און טראכטן אז ס׳איז דא ״יושב בשמים״ וואס ער האט דער ״עין רואה ואוזן שומעת״ – האט מען אים ניט מחנך געווען ער זאל טראכטן וועגן דעם יושב בשמים; אט דעמאלט נוצט ער אויס די עשירות, און נוצט אויס די הנהגה חפשית פון דער מדינה, ניט אז ס׳זאל זיין א חופש פון ״כל העמים ילכו איש בשם אלקיו״, דינען דעם אויבערשטן, וואס אלע זיינען מודה אז דאס איז א ״א-ל אחד״, און ער איז בורא עולם ומנהיגו – איז כאמור, האט מען אים דאס גארניט דערמאנט.

און דערמאנט ווען ס׳איז געווען א הכרח, האט ער דאס געהערט אין אן אופן פון מן השפה ולחוץ, און מ׳האט גלייך מיט אים אנגעהויבן רעדן וועגן גשמיות, און פון גשמיות – אריבערגעגאנגען רעדן אין חומריות.

וואס דערפאר איז בסיכום: די ערשטע זאך וואס אט דער מאורע דארף ארויסברענגען, און ארויסברענגען במעשה בפועל – עס דארף טאקע זיין אויף דערויף פריער א החלטה, אבער אויב די החלטה וועט אוועקגיין אין ״קאמיטיס״, דערנאך וועט דאס אוועקגיין אויף אפשטימונגען, דערנאך וועט מען דארפן שיקן א ״רעפערענדום״ איבער דער גאנצער מדינה, איז דערווייילע רחמנא ליצלן ווייס קיינער ניט וואס ס׳קען פאסירן במשך זמן זה... די החלטה איז ניט קיין החלטה חדשה; דאס איז די החלטה וואס זי איז מיוסד אויף דער תורה, תורה שבכתב, וואס איז אנגענומען געווארן ביי אלע פעלקער, על-אחת-כמה-וכמה במדינה זו.

און בשעת מ׳איז מייסד דעם חינוך אנהויבנדיק אז ״אנכי ה׳ אלקיך״, אז ס׳איז דא א מציאות וואס ער איז ״הוי׳״ – ער האט באשאפן אלץ וואס איז ארום אים, און ער איז ״אלקיך״ – ער איז ״כוחך וחיותך״, ער מאכט לעבן דעם מענטשן בכל מקום ובכל זמן, און דערנאך איז מען ממשיך – און אויף דערויף באגרינדעט מען – אז ״לא תגנוב״ און ״לא תרצח״ – איז אט דעמאלט איז א זיכערע זאך, ער איז דורכגענומען מיט אמונה אין ה׳, אז ער וועט זיכער ניט קומען ניט צו דעם ״תגנוב״ און ניט צו דעם ״תרצח״.

און דעמאלט וועט מען פארשפארן היילן דעם ״חולה שיש בו סכנה״, ווארום מלכתחילה וועט זיין ״לא אשים עליך״ – מ׳וועט מלכתחילה ניט צוקומען צו א מצב פון חולי, פון ניט געזונטע קינדער און תלמידים ותלמידות, על-אחת-כמה-וכמה אין אזא מין אופן של חולי – ״שיש בו סכנה״ פאר א צווייטן מענטשן, וואס דאס איז דאך אויכעט פארבונדן ״שיש בו סכנה״ פאר אים אליין!

וואס דאס איז דאך אויכעט די צווייטע נקודה, וואס אויכעט דער פרעזידענט איז דאס אויכעט מדגיש אין דעם מכתב ברכה, אז ער שעצט אפ במיוחד אט דאס וואס מ׳פארנעמט זיך און מ׳גיט זיך אפ, און מ׳גיט זיך אפ מיט דעם גאנצן תוקף, בעניני פון חינוך, וויסנדיק, אז חינוך איז – וואס דאס איז דאך שוין מפורסם און גערעדט וועגן דערויף כמה פעמים, אז עיקר ענין החינוך – איז דאך דאס מחנך זיין דעם מענטשן ער זאל זיין אן ״אדם״: ניט וואס ״פרא אדם״, נאר אן ״אדם״ וואס ער איז ניט ״לתוהו בראה״, נאר ״לשבת יצרה״ – אן אדם מן הישוב, רעכנט ער זיך מיטן ישוב ארום זיך.

און כדי מ׳זאל זיין אן ״אדם״, ניט קיין ״פרא אדם״, און מ׳זאל זיין ״אן אדם מן הישוב״, ניט פון אדם מן התוהו, און מ׳זאל זיין ניט קיין מזיק וניזוק – איז אויף דערויף דארף מען ערשט מחנך זיין.

דערנאך קומען אלס א צווייטע זאך, אויף געבן אים די אלע ידיעות וואס ס׳טוט זיך ארום אים, כדי ער זאל זיי קענען אויסנוצן אין אן אופן אז ער זאל זיין ״אדם״, ביז צוקומען צו שלימות פון ״אדם״, ווי ס׳איז שייך ביי יעדערן לפי נפשו ותכונת נפשו ועמו ומשפחתו וכו׳.

וואס דאס איז, כמדובר, דאך אויכעט דער יסוד וואס מ׳האט גערעדט במשך שנים האחרונות בנוגע צו הכרח פון חשיבות מיוחדת פון חינוך, און ווי מ׳האט פאר א יארן דאס שוין אויכעט מכריז געווען, און גע׳חתמ׳עט דורך דעם נשיא המדינה בזמן ההוא, אז מ׳איז קובע א יום מיוחד בשנה, וואס דער יום זאל זיין מיוחד אויף התבוננות, און התבוננות זאל ברענגען לידי מעשה – אין חינוך, חינוך אמיתי.

וואס דאס איז, כמדובר, דער חינוך אז דער מענטש זאל זיין א ״הולך בישרו״: ניט קוקנדיק וואס בתחילת החינוך איז דאס נאך ניט דער ״ישר בעיניו״ – איז דאס דערפאר וואס ער האלט ערשט אין תחילת החינוך.

און מ׳דארף ניט אנקומען דעמאלט צו דעם מורא בשר ודם, ווארום מ׳איז אים מחנך משחר טל ילדותו, אין דער היים, פון קליינווייז אויף.

דערנאך ווערט דאס נמשך אין די בתי ספר בכל אחד ואחד לפי ענינו, אבער בכל אחד מהם איז דא בתחילת היום א ״פרייער״, א תפילה, וואס זי איז א דבר השוה לכל נפש: ניט חס-ושלום אריינברענגען ענינים וואס זיי זיינען פארבונדן מיט מחלוקת און פירוד הלבבות וכו׳, נאר ענינים דערמאנענדיק בקיצור – אז ס׳איז דא א ״א-ל אחד״, און דער א-ל אחד האט אן ״עין רואה ואוזן שומעת״, וואס דאס מיינט ״רואה ושומעת״ וואס ס׳קומט פאר אין דעם בית ספר, און וואס ס׳קומט פאר מיט אט דעם תלמיד אדער תלמידה, ווארום ער גיט זיי דעם לחם תמיד, דעם ״ברעד״ וואס זיי האבן מידי יום ביומו.

און בשעת דער טאג פון דעם תלמיד הויבט זיך אן מיט דעם ״מודה אני לפניך מלך חי וקיים שהחזרת בי נשמתי בחמלה רבה אמונתך״ – דעם נוסח וואס אידן זאגן, אידישע קינדער במיוחד, נאך זייענדיק אין דער היים, גלייך אויפשטייענדיק, אנהויבנדיק דעם טאג; על דרך זה, ובקיצור נמרץ, אט די נקודות – אין יעדער בית ספר.

וואס איצטער איז דאך געווארן דער מעמד ומצב, אז דער עיקר חינוך הבן והבת איז ניט ווי ס׳איז געווען אמאל, אז דאס איז בביתו, דורך זיין פאטער און מוטער; נאר ווי מ׳זעט אין דעם ביישפיל אז מ׳קען זיך אויף זיי ניט פארלאזן, און דער גאנצער חינוך – די אחריות ליגט אויפן בית ספר.

הויבט זיך אן די אחריות העיקרית אויף מאכן פון דעם תלמיד און א תלמידה – ניט קיין ווילדן, ניט קיין ״פרא״, נאר מאכן פון אים אן ״אדם״.

וואס דאס איז – דורך דערויף וואס מ׳פארנעמט זיך מיט ״יצר לב האדם״, און מדגיש זיין דאס אים, און ערשט דערנאך זאגן, אז לשם כך – צוליב דעם – דארפסטו וויסן די פארשידענע זאכן וועגן וועלכע מ׳וועט דיר לערנען אין די שעות שלאחרי זה.

און בשעת מ׳האט א יום בשנה מיוחד להתבוננות בענין זה, און מיט דער הדגשה, אז דאס איז ניט אז מ׳נעמט אן א נייע החלטה; דאס איז די החלטה וואס איז שוין אנגענומען געווארן זינט די ״ביבל״ – די תורה – איז געגעבן געווארן, און אנגענומען געווארן מיטן גאנצן תוקף, אז ס׳איז דא דער ״אנכי ה׳ אלקיך״, און ער זאגט אן ״כבד את אביך ואת אמך״, און ער זאגט אן ״לא תגנוב״ ו״לא תרצח״, און נאכמערער – אז ״לא תחמוד ... וכל אשר לרעך״: וויבאלד אז דאס געהערט צו א צווייטן, איז אפילו אז דאס איז מערניט ווי א שוה פרוטה, על-אחת-כמה-וכמה דער געזונט, על-אחת-כמה-וכמה דער לעבן – איז מלכתחילה וועט אים גאר ניט איינפאלן אז ער דארף זוכן כלי נשק, אפילו אויף להגן על עצמו, ווארום ער לעבט מיט דער

ידיעה און מיט דער הבטחה פון ״עין רואה ואוזן שומעת״, על-אחת-כמה-וכמה אז אים וועט ניט איינפאלן דער געדאנק פון נוצן כלי נשק אין אן אופן בלתי רצוי.

און אט דאס ווערט די הכנה קרובה, אז בשעת מ׳איז מחנך יעדער קינד און אלע קינדער, פון דער מדינה און פון אלע מדינות, און דער חינוך איז מיוסד, אז גלייך בהתחלת היום דערמאנט מען אים, ובדברים היוצאים מן הלב, און מ׳באווייזט א לעבעדיקן ביישפיל, אז דער וואס רעדט מיט אים איז אויכעט א מאמין באמונה שלימה, און מ׳דערמאנט אים אז דאס איז אן ענין וואס איז פארבונדן מיט מעשה, ווארום דאס איז ״ה׳ אלקיך״, וואס ער האט אן ״עין רואה ואוזן שומעת״ – אט דעמאלט שטעלט מען אויף אין דער מדינה מנוחת הנפש ומנוחת הגוף, דער שלום בין איש לרעהו, און שלום בין עיר לעיר, און שלום במדינה זו, במילא זי דערנאך פארשפרייט שלום בכל מקום שידה מגעת, און א שלום אמיתי, ווארום ער איז באגרינדעט אויפן ״עושה שלום״, אויפן אויבערשטן וואס ״שלום שמו״, האט דאס א קיום און דאס נעמט דורך יעדערן.

און דאס ברענגט אויכעט צו די גאנצע וועלט, אנהויבנדיק ממדינה זו, אז זיי זאלן זיין ראוי צו ביאת משיח צדקנו, צו ימות המשיח, וואס דעמאלט וועט דאך זיין ״אז אהפוך אל עמים ... כולם ... לעבדו שכם אחד״, במהרה בימינו ממש, בגאולה האמיתית והשלימה, על ידי משיח צדקנו.

לחיים.

## שיחה ג׳

אין דעם ענין פון הכרת תודה איז דאך נאך א פרט, וואס באמת איז דאס ניט א ״פרט״, נאר דאס איז אן ענין עיקרי: ווי כאמור, און פארשטאנדיק אויכעט בפשטות, הכרת תודה איז – בשעת מ׳באקומט א דבר טוב אנערקענט מען דאס, און די אנערקענונג איז בשלימותה, ביז וואנעט אז דאס נעמט אים דורך און ער איז מכיר תודה און זאגט דאס ארויס בדיבור, ובדיבור רחב, מיט אלע פרטים, ווי ס׳איז מתאים צו אט דער טובה וואס ער האט באקומען.

וכמדובר – צום אלעם ערשטן צו דעם מקור הברכות, צו דעם אויבערשטן.

וואס יעדער טובה, אפילו די וואס מ׳באקומט פון א בשר-ודם, מ׳באקומט פון א בשר-ודם וואס ער איז אן אמת׳ער בעל בחירה – דארף מען דאך אים אויכעט מכיר תודה זיין, ״חמרא למרא וטיבותא לשקייה״.

אבער אויכעט צו אט די וואס זיי זיינען ניט קיין בעלי בחירה, און מיט דער הדגשה, אז אף-על-פי וואס ס׳איז ״כגרזן ביד החוצב״, דערנאך היט ער אבער אפ דעם ״גרזן״ מיט דעם ״קרדום״ וכו׳, און האלט אים אין א גוטן מעמד ומצב, וויבאלד אז ער איז געווען א שליח טוב און א ממוצע טוב וכיוצא בזה; וואס כדי ער זאל זיין אין א גוטן מעמד ומצב בנוגע צו בשר-ודם – דארף ער הערן די הכרת תודה.

וואס דאס איז דאך אויכעט פון די ביאורים, וואס אף-על-פי וואס מ׳איז דאך מחלק צווישן א בעל בחירה, וואס דעמאלט איז ״טיבותא לשקייה״, מה-שאין-כן כוכבים ומזלות, וואס זיי זיינען דאך ניט קיין בעלי בחירה, ווי דער צמח צדק איז מאריך אין ספר המצוות; איז אף-על-פי-כן דא דער ברכת החמה און ברכת פון מחדש החודש, פון ברכת הלבנה.

וואס אף-על-פי וואס מ׳זאגט דעמאלט ״ברוך עושה מעשה בראשית״, ניט חס-ושלום אן ענין פון ״עובדים לשמש ולירח״; אבער דערביי זאגט מען דאך אויכעט בשבחה של חמה, ווי מ׳זאגט אין דעם ״למנצח ... השמים מספרים״: ״והוא כחתן יוצא מחופתו״, ״לשמש שם אוהל בהם״ וכו׳.

און מ׳איז אויכעט מדגיש אז דורך דער חמה מאכט מען די ברכה פון ״ברוך עושה מעשה בראשית״.

על דרך זה און נאכמערער אין ברכת הלבנה – וואס זי איז דאך נאכמער זקוק לברכה – בענטשט מען דאך איר און מ׳זאגט ״שתתחדש״ מיט די אלע ענינים, ביז ״שני המאורות הגדולים״, ״כמו שהיתה קודם מיעוטה״, מיט די אלע פרטים שבדבר.

על דרך זה, כאמור, איז בנוגע צו א טובה וואס מ׳באקומט אויכעט פון א בשר ודם.

איינע פון די עיקרים אין הכרת תודה, נוסף אויף דערויף וואס מ׳איז אים מכיר תודה, און מ׳זאגט דאס בדיבור, אדער אויב מ׳קען דאס פארבינדן אויכעט מיט א מעשה – איז על-אחת-כמה-וכמה ״משלם טובה תחת טובה״, ואדרבה – בכפליים וכיוצא בזה; איז דא נאך אן ענין עיקרי, וואס דאס איז מיוסד אויכעט אויף א הלכה אין תורה, כמדובר כמה פעמים, אז אלע ענינים, אפילו פון עניני רשות, פון ״תגרי לוד״ וכיוצא בזה, איז דאס אלץ מיוסד און מ׳דארף געפינען דוגמתם אין תורה, און דערנאך זעט מען, אז די דוגמא איז ניט א דוגמא בעלמא, נאר דאס איז דער יסוד אויף וועלכע ס׳איז דערנאך געבויט געווארן דער ענין למטה, ״שנשתלשלו מהן״.

אזוי איז דאך אויכעט דא דער ענין בתורה פון ״לא ברא הקב״ה דבר אחד בעולמו לבטלה״, און דער ענין בנוגע צו חיובי האדם, אז ס׳דארף זיין ניט נאר נדר צו טאן, נאר ס׳דארף זיין ״כדבעי לי׳ למיעבד״ – ער דארף טאן לפי מעמדו ומצבו בתכלית השלימות.

ביז אז ס׳קומט ארויס אין אן ענין אז אפילו בדיעבד איז אויך טויג דאס ניט, אז ״עשיר שהקריב קרבן עני״ איז ״לא יצא״: וויבאלד אז דער אויבערשטער האט אים געגעבן עשירות – דארף ער מקריב זיין דעם קרבן וואס דאס איז מתאים למצבו.

אפילו אז ער וועט מקריב זיין דעם קרבן דל, ניט פון ״דלי דלות״ – איז ער אויך ניט יוצא וויבאלד אז דער אויבערשטער האט אים געמאכט פאר אן עשיר.

דערפון אויכעט פארשטאנדיק, אז דער אויבערשטער גיט איינעם עשירות באיזה ענין שיהיה, צי דאס איז עשירות כפשוטה, בזהב וכסף, צי דאס איז ״עשירות״ בשכל שבמוח, שבראש, אדער דאס איז ״עשירות״ במדות שבלב – איז אט דעמאלט איז ניט גענוג אז ער גיט צדקה מזהבו וכספו סתם, ס׳איז ניט גענוג אז ער נוצט אויס ״חכמים המה״ ניט חס-ושלום ״להרע״, נאר אויף ״להטיב״, אבער אין א מדה ממוצעת, ס׳איז ניט גענוג אז ער האט מדות טובות, ניט חס-ושלום דעם היפך פון זיי, אבער אין אן ענין וואס דאס איז אין אן אופן ממוצע; נאר ס׳דארף זיין ״כדבעי לי׳ למיעבד״, אזוי איז ביי אים געווען דער ״עביד״.

און אויב ער האט אין די אלע ענינים ״עשירות״ – דארף ער וויסן זיין, אז אפילו אז ער ברענגט א קרבן, וואס א קרבן גיט ער דאך ״חלבו ודמו״, ביז מסירת נפש, וואס דערמיט איז דאך פארבונדן דער נמשל פון חלב ודם – דער תענוג שבאדם מיט דעם חיות שבאדם, ״הדם הוא הנפש״; וויבאלד אבער אז ער גיט דאס אין אן אופן פון עניות, און דער אויבערשטער האט געגעבן אים די מעגלעכקייט ער זאל דאס טאן אין אן אופן פון עשירות – איז אט דעמאלט איז ״לא יצא״, אפילו אז דאס וואס ער האט געטאן האט ער דאס געטאן אין אן אופן פון ״קרבן״.

וואס דאס איז אויכעט גלייך אן ענטפער אויף אט די אלע וואס פרעגן א שאלה, אז ס׳איז דא דער ציווי פון ״מעלין בקודש״, און ס׳איז דאך ״כל ישראל בחזקת כשרות הן״, על-אחת-כמה-וכמה רובן של ישראל, און מ׳זאגט אן – ״התורה על הרוב תדבר״ – זאגט מען דעם ציווי פון ״מעלין בקודש״, און אין דערויף גופא איז מען מדגיש, אז ס׳איז שוין דא ״קודש״, ער דארף דאך אבער ניט שטיין על עמדו, נאר ס׳דארף זיין ״מעלין״ – ער דארף גיין און נאך העכער, נאך מוסיף זיין; פרעגט ער דאך די שאלה: וואו איז דא דער הכרח? תורה זאגט אים, אז זיין הנהגה איז ״קודש״, און ער וועט אזוי אויכעט ממשיך זיין, בעזר ה׳, ״לא מורידין״, און דערנאך קומט אבער דער ציווי אז ס׳דארף זיין ניט נאר ״לא מורידין״; ס׳דארף אויכעט זיין דער ״מעלין״!

איז אט דאס איז פארבונדן מיט הכרת תודה מתאים לפי התודה, וואס דאס לערנט מען אויכעט אפ פון מנחת ביכורים: אויף יעדער זאך וואס "נהנה מן העולם הזה" דארף ער בענטשן דעם אויבערשטן. ביז וואנעט אז מ'זאגט, אז "נהנה מן העולם הזה" אן א ברכה – איז "כאילו גוזל אביו ואמו", מה-שאין-כן לאחרי הברכה.

במה דברים אמורים? אז דאס רעדט זיך וועגן סתם פירות, און ניט אין ארץ-ישראל, און ניט פארבונדן מיטן בית המקדש וכו'.

אז דער אויבערשטער גיט אים אין דערויף גופא אן עשירות, אן "ארץ אשר ... תמיד עיני ה' אלקיך בה מראשית השנה ועד אחרית שנה", און אין דער ארץ גופא גיט ער אים א שדה וכרם משובחים, און אין דער שדה וכרם משובחים גיט ער אים פון די שבעה מינים שנשתבחה בהם אפילו ארץ-ישראל, וואס זי האט דאך א שבח בכללותה, איז אין דערויף גופא נאך דא דער שבח נוסף על השבח, דורך די ז' מינים, ובפרט דורך די חמשה מינים, און דערפון גופא נעמט ער און ער זעט אז ער האט "ראשית ביכורי אדמתך" – אט דעמאלט איז ער ניט יוצא דערמיט וואס קודם שנהנה וועט ער מאכן א ברכה, נאר ער דארף "וקמת ועלית", ער דארף גיין אין ירושלים עיר הקודש, "אשר בחרתי בה", און דארט גופא דארף ער גיין אל הבית וואס דער אויבערשטער האט אויסגעקליבן, און אין דעם בית דארף ער געפינען דעם כהן המשרת בקודש לפני ה', און דארף פאר אים זאגן, ובקול רם, "ושבחו" – "והגדת", די תהילות ותשבחות ווי אויסגעדריקט אין די ברכות וואס זיי זיינען פארבונדן מיט ביכורים, וואס איז אויכעט פארבונדן מיטן פסח פון שנה זו, פון "מוצאי שביעית", וואס דעמאלט איז דאך דער ביעור הקודש מן הבית וכו'.

וואס דערפון איז אויכעט די הוראה כמדובר, די הדגשה פון "מעלין בקודש": אז דער אויבערשטער גיט אים נאך א יאר לעבן, און נאך צענדליקער יארן לעבן, ביז "והיו ימיו מאה ועשרים שנה" – איז דאס גופא אן "עשירות", וואס דאס איז אים מזכה אז ער זאל ברענגען א "קרבן עשיר" בערך פון דעם קרבן וואס ער האט געבראכט פאר דערויף.

וואס דאס איז אזוי בנוגע ליחיד, על-אחת-כמה-וכמה ווען ס'רעדט זיך בנוגע לרבים, על-אחת-כמה-וכמה ווען ס'רעדט זיך בנוגע למדינה כולה.

וואס בשעת מ'טראכט וועגן א מדינה גדולה, ובפרט א מדינה וואס האט באקומען דעם נאמען אז זי איז א "סופער-פאוער", און אט דעמאלט הויבט מען אן טראכטן פון דער שיטה פון "אני את נפשי הצלתי":

מ'שליסט זיך איין אין דער מדינה גופא, און דאס וואס ס'טוט זיך בעולם כולו – איז מהיכא תיתי, דאס איז זייער ענין. אויב ער איז א מאמין – זאגט ער אז ס'איז דעם אויבערשטנ'ס ענין. ער זאל געבן ממונו ומגופו ומנפשו אויף לתקן עולם – איז דאס ניט זיין ענין!

פרעגט מען ביי אים די שאלה: דער אויבערשטער האט דאך דיר געגעבן כח און מעגלעכקייט דו זאלסט משפיע זיין על כל העולם כולו, ניט בבת אחת, איז "לאט לאט אגרשנו".

האט ער פארשידענע ערליי הסברות וכו', און די ערשטע הסברה איז אז פריער דארף זיין "קשוט עצמך": בשעת מ'וועט מתקן זיין כל הענינים אין די אייגענע ד' אמות, און דערנאך כל הענינים שבעירו ובמדינתו – וועט ער דעמאלט אנהויבן טראכטן וואס זאל מען טאן, ווי אזוי זאל מען העלפן די וואס געפינען זיך במדינות שמחוץ למדינה זו, סיידן מ'איז א מוכרח מצד איומים וכיוצא בזה.

זאגט מען, אז דאס איז היפך הכרת התודה: בשעת דער אויבערשטער גיט כח, און מ'נוצט ניט אויס דעם כח כדבעי – איז דאס דער היפך ווי דער אויבערשטער וויל, וואס "לא ברא הקב"ה דבר אחד בעולמו לבטלה".

אז ער גיט כח און מ'נוצט ניט אויס דעם כח לטובה ולברכה, ווי דער אויבערשטער וויל – וואס ער איז עצם הטוב, ו"מטבע הטוב להיטיב" – אט דעמאלט איז מען מבלבל דעם סדר הבריאה, וואס זי איז באשאפן געווארן אין אן אופן אז ס'זאל ניט זיין קיין "דבר אחד לבטלה".

ואדרבה, זי איז באשאפן געווארן אז זי זאל זיך פירן "בגבורות ה'" – אין אן אופן אז מ'זאל זען דעם זרוע ה', און "אתה גיבור לעולם אדנ-י", וואס ער איז "אדון אתה על כל בריותיך", שטייט ער אין אן אופן וואס ער איז אין דעם עולם און אין אן אופן פון "גיבור", און אין אן אופן פון "אתה" – "מראה באצבעו ואומר זה", דאס איז אין אן אופן פון נוכח, מיוסד אויף אמונה פשוטה אויפן אויבערשטן, כאילו ווי ער זעט אים אויכעט בעיני בשר.

וואס דאס איז אויכעט דער זכות און דער חיוב אויף טאן ככל הדרוש, "כדבעי לי' למיעבד", אויף אויסנוצן דער ענין אז ס'זאל זיין א שלום אמיתי בעולם, וואס שלום אמיתי בעולם איז פארבונדן ווען דער שלום איז מיוסד אויף דער אמונה אין דעם אויבערשטן וואס "שלום" שמו.

וואס אמת טאקע, צייטנווייז, כדי אויף דורכצופירן דעם שלום דארף מען רעדן מיט א לשון של גבורות; ס'איז אבער א דבר בטוח אז בשעת מ'וועט רעדן מיט א לשון של גבורות, און די גבורות וועלן זיין לשם טוב אמיתי ולשם שלום אמיתי – וועט דעמאלט ניט זיין קיין זאך וואס וועט אנרירן אין צדק ויושר, און דאס וועט מתאים זיין – דאס וועט זיין אויסגעהאלטן – לויט די אנווייזונגען פון תורתנו תורת חיים, הוראה בחיים, וואס זי איז אויכעט א תורת אמת – זי ברענגט ארויס דעם "אמת ה'" ווי ער שטייט אין "עולם", וואס דאס איז דער אמת וואס איז פארבונדן מיט "לתקן עולם" – אז די גאנצע וועלט זאל זיין אין אן אופן און צוגעגרייט "כולם ... לעבדו שכם אחד".

וואס דאס איז בנוגע להמדינה, וכמדובר לעיל איז דאס אויכעט אזוי בנוגע לכל אחד ואחת, ובמיוחד צווישן אידן גופא, – וואס זיי זיינען דאך אן "עם חכם ונבון", און אויף זיי איז געזאגט געווארן אז תורה איז "היא חיינו ואורך ימינו" פון יעדערן פון זיי – אז אט די וואס דער אויבערשטער האט זיי געגעבן עשירות באיזה ענין שיהיה, אנהויבנדיק פון עשירות כפשוטה, מיט זהב וכסף וממון, אריבערגייענדיק "עשירות" אין השפעה על הסביבה, השפעה על הרבים, השפעה על המדינה.

על דרך זה אויכעט אין "עשירות" אין רגש שבלב, וואס דאס איז דאך במיוחד נוגע צו חינוך הבנים והבנות, איז דאך דאס מיוסד אויף דעם רגש שבלב, נאכמערער ווי אויפן שכל שבמוח, אף-על-פי וואס עס דארף זיין מיט אן אופן אויף ניט נאכגעבן אף-על-פי וואס דער תלמיד און תלמידה בעטן זיך, אויב דאס איז מערניט ווי ישר בעיניו, ס'איז אבער ניט דער היפך פון טובתו האמיתית – אט דעמאלט האט ער גבורה מבחוץ, וואס זי איז מיוסד אויף אהבה אמיתית וואס געפינט זיך בלב האב והאם והמחנך והמחנכת צו זייערע בנים ובנות און תלמידים ותלמידות.

על דרך זה, וביתר שאת וביתר עוז – אט די וואס האבן "עשירות" אין שכל שבמוח שבראש, אז זיי זאלן דאס אויסנוצן במילואה, און אף-על-פי וואס ער האט שוין גע'חזר'ט פרקו "מאה פעמים", וואס ווי ער זאגט אין תניא "כך היתה הרגילות", האט ער אלץ געטאן ווי די גאנצע רגילות צווישן תלמידי-חכמים, – וועגן דערויף רעדט זיך דאך – דארף ער וויסן זיין אז דאס הייסט "אשר לא עבדו"! ער מוז מוסיף זיין, אז ס'זאל זיין "מאה פעמים ואחד", אדער ווי די צווייטע גירסא – "מאה פעמים ואחת".

וכמבואר בכמה מקומות: דא איז ניט דער פשט אז ס'איז גענוג ער וועט לערנען מערניט ווי איין מאל, נאר וויבאלד אז דער אויבערשטער גיט אים עשירות אין חכמה און אין ימים – דארף ער לערנען כמה פעמים, וואס זיי אלע ווערן נכלל אין דעם "ואחד", אדער "ואחת", וואס דאס איז א נייער סוג: ניט דער סוג ווי ער איז רגיל, וואס דעמאלט איז דאס "מאה פעמים"; ער גייט אריבער אין "אחד", אין "אחת" – אין אן אנדער סוג, אן איין און איינציקער סוג פאר זיך, דער סוג פון למעלה מהרגילות, ובלשון החסידות – למעלה ממדידה והגבלה.

וואס דאס איז אויכעט די הוראה בנוגע למעשה בפועל: אז "מעלין בקודש" איז דאס טאקע א הלכה אין תורה, אבער שלימות פון הלכה און פון תורה איז אז "גדול לימוד שמביא לידי מעשה" – אז מ'זאל אראפברענגען דעם "מעלין בקודש" במעשה בפועל.

פריער טאקע במחשבתו ובהחלטתו, דערנאך זאל דאס ארויסקומען בדיבור, כדי אלע זאלן הערן וממנו ילמדו, און דערנאך, והוא העיקר, זאל דאס אראפקומען במעשה בפועל, אין "טוב לשמים וטוב לבריות", און דאס ווערט איין זאך, אין דעם זעלבן יום השלישי "שהוכפל בו כי טוב".

און דערנאך ווערט דאס נמשך אין יום הרביעי, וואס גלייך נאך דערויף איז געווען דער "נתלו המאורות" מיט א תי"ו.

ובפרט נאך ווי בשנה זו, אז ס'איז געווען דער "רואה חמה בתקופתה" – אז מ'האט זוכה געווען צו זען "חמה בתקופתה", און דאס האט מעורר געווען יעדערער און יעדערע, בתוככי כלל ישראל, אז מ'זאל בענטשן און ממשיך זיין דעם "עושה מעשה בראשית" דא למטה, אין אן אופן אז יעדערער און יעדערע ענטפערט אויף דערויף "אמן", ווי די גמרא זאגט אין דעם סיום וחותם פון מסכתא נזיר, אז "גדול העונה אמן" נאך "יותר מן המברך", ווארום דאס איז משלים דעם נצחון.

און מ'גרייט צו די גאנצע וועלט, אנהויבנדיק פון צוגרייטן דעם "עולם קטן זה האדם", צו "מלכות שד-י" אין אן אופן פון חירות, און דערנאך איז "מסמך גאולה לגאולה" – דער "מסמך" פון דער גאולה און דעם חירות פון דעם פרט צו דער גאולה און דעם חירות הכלל, אז ס'זאל זיין דער "זמן חירותנו", און פייערן און חוגג זיין אים בבית המקדש השלישי, וואס "שם נעשה מן הזבחים ומן הפסחים ... על קיר מזבחך ברצון", במהרה בימינו ממש, בביאת משיח צדקנו.

לחיים.

## שיחה ד'

וואס בהמשך להאמור לעיל, פון "לא ברא הקב"ה דבר אחד בעולמו לבטלה", נאר ווי ער זאגט אין מדרש: "אשר ברא אלקים לעשות – לתקן", ווי רש"י איז דארט מפרש נאכמער בפרטיות.

ובלשון הגמרא, אז דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט – "רוח צפונית אינה מסובבת", און דערנאך דארף קומען צו גיין א איד, און א מענטש, און דארף משלים זיין – "לתקן", "לעשות", דערפאר האט דאס דער אויבערשטער מלכתחילה אין אזא מין אופן באשאפן, אז ס'זאל ניט זיין "לבטלה"; ארויסברענגען מן הכח אל הפועל – איז אט דאס איז "ובחרת בחיים", איז "נעשה שותף להקב"ה במעשה בראשית", ער איז משלים, און ברייגנט ארויס מן הכח אל הפועל, אנהויבנדיק וואס "ברא את האדם ערל", און דערנאך זאל זיין דער ענין המילה, "נכנס לברית", כידוע די שאלה און דער ענטפער אויף דערויף אין בראשית רבה.

ועל דרך זה ווי ער ברייגנט דארט דעם משל פון "תורמוסין", ובכללות הענין – אז "האיש דרכו לכבוש", און דערנאך איז דא "מביא חטים, חטים כוסס", האט ער אן "עזר כנגדו" – אז די פרוי און דער הויז בכלל העלפט אים, אז דערפון מאכט מען א מאכל אדם כפשוטו.

וואס ער עסט דעם מאכל מיט א ברכה לפניה ולאחריה, ווערט דאס "קרבני לחמי לאישי", "שולחן – זה המזבח", "שולחנו של אדם שמכפר עליו כמזבח": די ברכה לפניה ולאחריה; ווערט דאס אויכעט דער מאכל אדם העליון, כמבואר באריכות בכמה מקומות.

וואס דאס איז אויכעט: בשעת מען זעט אין דער וועלט, כמדובר כמה פעמים, אז אין דעם "שאקלען" גופא, גייט דאס אין אן אופן פון היפך פון "להעלות", נאר אדרבה – הולך ומתדרדר, און "מצפון תפתח הרעה", וואס מ'דארף דאך ניט האבן קיינע ביאורים בזה; האט דער אויבערשטער אויפגעשטעלט א מדינה אז זי זאל קענען דאס אפהאלטן.

און אפהאלטן איז נאך ניט מספיק, כמדובר, אז קרבן עני איז ניט מספיק לויט די עשירות, נאר זיין אין אזא מין אופן אז ס'זאל ניט צולאזן קיין התפשטות, ואדרבה – אז דארט זאל מען אויכעט אויפהערן טומלען במקומות ובמדינות אחרים.

וואס דאס וועט אויכעט ברענגען אויף דארטן אריינברייינגען צדק ויושר פאר די וואס געפינען זיך דארטן גופא, אז זיי זאלן גיין ״בשם אלקיו״, און אידן בפרט זאלן קענען זיך פירן לויט אידישקייט ווי אידן דארפן זיך פירן, וואס דאס איז זייער ״לעבן״, ״היא חיינו ואורך ימינו״, מיט כל הפרטים הכלולים בזה.

וואס צוליב דערויף דארף מען האבן דעם ״כדבעי לי׳ למיעבד״, ובפרט בנוגע צו דער מדינה, וואס דער אויבערשטער האט איר אוועקגעשטעלט אין א מעמד ומצב אז זי זאל קענען אפשטעלן די התפשטות פון כפירה, פארבונדן מיט די התפשטות פון שלום אמיתי בעולם וכיוצא בזה, און די התפשטות – והוא העיקר – אז מענטשן, און אידן במיוחד, זאלן דינען דעם אויבערשטן מתוך מנוחת הנפש ומנוחת הגוף ובשלימותה.

וואס דאס איז דאך פארבונדן דערמיט וואס זי נוצט אויס – די מדינה – כל האפשרויות שלה וכל הכחות, אין אן אופן פון ״כדבעי לי׳ למיעבד״ אויף דינען; ניט איינשליסן זיך און זאגן ״אני את נפשי הצלתי״.

וואס דאס איז אויכעט פארבונדן דערמיט וואס מ׳ניצט אויס די כוחות וואס מ׳האט במדינה בשלימותה.

וואס בכלל איז דאך דאס א מדינה ״אשר לא תחסר כל בה״ – ניט חס-ושלום אויף אזויפיל ווי אין ארץ הקודש, וואס אויף דערויף איז געזאגט געווארן דער פסוק – בשעת אבער רוב פון אידן געפינען זיך במדינה אחת, איז אט דעמאלט ווערט דאס א מדינה, בדוגמא ווי ס׳איז געווען ווען אידן האבן זיך געפונען אין מצרים, ועל דרך זה בכל המדינות שלאחרי זה, איז געווארן די מדינה פון ״רודה״ בכל העולם כולו, מושל בכל העולם כולו, ״בכיפה״, ווען מ׳ניצט אויס די כחות וואס מ׳האט אין דעם.

בשעת אבער מ׳דארף אנקומען צו א צווייטער מדינה אדער צו צווייטע מדינות, ווער רעדט נאך – אנקומען אין א דבר חשוב, איז אט דעמאלט נעמט דאס צו פון דעם כח און פון דער השפעה וואס די מדינה קען האבן.

וואס דאס איז פארבונדן במיוחד און האט אויכעט א קשר צו ״הרואה חמה בתקופתה״: וואס ווי מ׳זעט בפועל, און מ׳האט עס אויך געזען בשנים האחרונות, וכמדובר כמה פעמים, אז מצד דערויף וואס דער חושך הגלות איז געווארן א חושך כפול ומכופל, באוויזט דער אויבערשטער ענינים וואס בדורות שלפני זה – וואס ״הראשונים כמלאכים״ – איז געווען גענוג אז מ׳וועט זיי דאס באווייזן ברמז, איז בדורות אלה דארף מען דאס באווייזן אז מ׳זאל דאס זען בעיני בשר, און דאס גופא – בהדגשה רבה.

זעט מען בפועל, אז בשעת די מדינה דארף אנקומען צו אויל וכיצא בזה, אט דעמאלט מוז זי פאלגן אנדערע, און פאלגן אין אזוינע ענינים וואס זיי זיינען היפך הצדק והיושר והטוב, ביז וואנעט – אויף אנרירן ״נחלת עולם״ וואס איז געגעבן געווארן ״לעם עולם״, און געגעבן געווארן מיט א ״ברית עולם״, ובדרך ממילא איז דאס אויכעט מזיק דעם טוב גשמי, אפילו דעם טוב חומרי, פון דער מדינה עצמה.

וואס ס׳קען דאך ניט זיין, ביידע זאכן קענען דאך ניט זיין: דער אויבערשטער האט איינגעשטעלט די וועלט אין אזא מין אופן אז פון ״שש מאות שנה״ – ווי ער זאגט אין זהר – איז אט דעמאלט איז געווארן א ריבוי חכמה בעולם, האט דאס אויכעט געבראכט צו ריבוי אויכעט אין חכמות חיצוניות, להבדיל.

האט דאס געבראכט צו פארשידענע אנטוויקלונגען און ענטדעקונגען, וואס זיי זיינען פארבונדן אז מ׳מוז האבן א זאך וואס דאס זאל לאזן ארבעטן די ענטדעקונגען מיט די אנטוויקלונגען ווי זיי דארפן ארבעטן.

וואס דאס איז פארבונדן מיט א חומר גשמי, וואס דער חומר גשמי, לכאורה, געפינט זיך במדינות אחרות.

איז דאך ביידע זאכן: וויבאלד אז די מדינה האט אט דעם תפקיד אויף ברענגען שלום אמיתי בעולם, און ניט אנרירן קיין צדק ויושר, אויכעט דעם צדק אז ״נחלת עולם״ געהערט צו ״עם עולם״ דורך דעם ״ברית עולם״ פון ״אלקי עולם״ – מוז מען דאך זאגן אז אין דעם מעמד ומצב פעלט דארט די עשיית האדם, ווארום ס׳קען ניט זיין אז א מדינה וואס דארף דאס טאן זאל זיין א עבד און מוזן פאלגן אן עם שפל דערפאר וואס דארטן בארצו געפינט זיך אט דעם און דער ענין! זעט מען בעיני בשר – און מ׳דארף אויף דערויף ניט האבן קיינע

הוכחות – אז ווען די מדינה וואלט אנטוויקלט אט די זעלבע ענינים וואס זי האט בארצה ובקרקעיתה ובאדמתה, וואלט מען שוין לאנג ניט געדארפט אנקומען צו מדינות אחרות.

וכידוע און מבואר, און מ'האט שוין געשריבן וועגן דעם און געטומלט וועגן דעם, אז ווען מ'זאל פאנאנדערארבעטן די מעגליכקייטן וואס ס'איז דא אויף צו באקומען אויל אדער קויל – קוילן – וכיוצא בזה, במדינה זו, וואלט מען שוין לאנג לאנג ניט געדארפט אנקומען צו מדינות אחרות.

ואדרבה – זי האט עס אין אזא מין שופי אז מ'זאל נאך קענען דערמיט משפיע זיין, געבן צו אנדערע מדינות, פונקט ווי מ'גיט פון אנדערע ענינים – איז מען א משפיע, ניט קיין מקבל.

מיוסד אז ניט חס-ושלום מצד "כחי ועוצם ידי", און כדי להרבות הכבוד המדומה, און די ענינים של מה בכך; נאר דאס איז מיוסד אז דאס איז געגעבן געווארן דורך דעם אויבערשטן באדמתה של מדינה זו, און געגעבן געווארן כדי די מדינה זו זאל קענען פארשפרייטן די ציוויים וואס שטייען בתורה, די שבע מצוות בני נח, מיט אלע זייערע סעיפים און סניפים און פרטים בכל העולם כולו.

וואס דא ווערט דאך אבער די שאלה: ס'איז דאך "מה שהיה – היה"? ביז וואנעט מ'וועט אנטוויקלען די אלע ענינים פארבונדן במדינה זו, און צום אלעם ערשטן – געפינען די וועג אויף מבטל זיין דעם כח פון די מנגדים וואס געפינען זיך במדינה זו, און מסיבות שונות ומשונות לאזן זיי ניט אנטוויקלען די אוצרות וואס זיינען דא אין דעם ארץ, אין אדמת מדינה זו – צי דאס איז אויל, צי דאס איז קוילן וכיוצא בזה – מצד סיבות ידועות ומפורסמות.

ולאחרי אז מ'וועט דאס שוין מבטל זיין, און ניט רעכענען זיך דערמיט וכו' – וועט ערשט דארפן נעמען א זמן ארוך, ביז וואנעט מ'וועט דאס קענען אנטוויקלן אין אן אופן אז ס'וועט בטל ווערן די הכנעה און די בקשות אויף בעטן ביי אנדערע מדינות מ'זאל דאס צושטעלן.

דערמאנט "ברכת החמה" נאכאמאל בהדגשה, אז ס'איז דא אן אפענער וועג און א קלארער וועג.

ס'איז דא דעם ענין לפני זה וואס מ'האט שוין אנגעהויבן טאן, וואס דאס איז פארבונדן מיט "אטאם" וכיוצא בזה – וואס דאס איז אבער פארבונדן מיט פארשידענע סכנות וואס אין כאן המקום להאריך בזה, מיט נאך כמה עיכובים וכיוצא בזה, אנהויבנדיק פון דעם עיכוב פון די וואס האבן א ריוח פרטי אויף ניט צולאזן אז די מדינה זאל זיין זעלבסט-שטענדיק בכל הענינים, אנהויבנדיק פון אן ענין עיקרי, וואס דאס איז א דבר הכרחי כדי מ'זאל קענען אנגיין מיט די בתי חרושת און די בתי מלאכה וכיוצא בזה שבמדינה זו עצמה;

איז אבער דא דער ענין פון "חמה בתקופתה": אט דאס וואס מ'האט שוין אנגעהויבן בכמה מדינות, אויכעט במדינה זו, אין אן אופן פון קטן שבקטנים, אין אן אופן פון זעיר אנפין לגמרי – אויסנוצן די "אין נסתר מחמתו", די חמה, די היץ, די ווארעמקייט פון דער זון, אויסנוצן דאס אז דאס זאל ווערן א טרייבקראפט, אז דאס זאל צושטעלן די ענערגיע – דעם מרץ – וואס מ'דארף האבן אויף אנפירן מיט ענינים של בתי חרושת וכיוצא בזה.

וואס דאס האט אט די מדינה אין דרום המדינה בשופי גדול ביותר, דער "חמתה" פון דעם שמש, די היץ פון דער זון, און ס'איז אינגאנצן דבר הכי קל אז מ'זאל קענען ברענגען וואס ס'ווערט דארט באשאפן ווערן דורך דער חמה, פון דעם שמש, דורך דער היץ פון די קרני החמה, אויף איבערברייינגען זיי בכל קצוי המדינה.

און דאס איז אן ענין וואס פארלאנגט א זמן הכי קצר בערך פון דעם זמן וואס מ'דארף האבן אויף די אנדערע מקומות אויף האבן מיט וואס צו באהייצן און באווארעמען וכו'.

און אויף דערויף וועט מען קענען דאס דורכפירן ווען דאס וועט זיין געבויט אויף עזר ה' ואמונה בה', וועט מען זיך ניט רעכענען מיט די בלבולים וואס וועלן קומען פון בני אדם וואס זיי האבן אפשר פערזענלעכע רווחים אויף ניט צולאזן דאס, ובמשך זמן קצר לפי ערך וועט דאס באפרייען די גאנצע מדינה פון זיין

משועבד צו די מלוכה׳לעך וואס האבן דאס בארצם, און וואס מאיזה סיבה שתהיה האט מען דאס דארט פאנאנדערגעארבעט אנשי מדינה זו עצמה, אין אן אופן אז דארט האט מען דאס ארויסגעבראכט מן הכח אל הפועל, אויף דאס צושטעלן לכל העולם כולו.

וואס לכאורה ווערט דאך א שאלה: בשעת אידן קומען זיך צוזאמען, און מ׳קומט זיך צוזאמען אין מקום תפלה, אין א בית הכנסת ״שמגדלין בו תפלה״, א בית גדול של תפלה, מ׳קומט זיך צוזאמען אין א בית מדרש שלומדים בו שיעורי תורה אין א אופן פון בית גדול ״שמגדלין בו תורה״, ווער רעדט נאך אז דערצו פאראייניקן זיך אויכעט אט די וואס הערן די רייד בכמה מקומות, דורך די פארשידענע ענינים וואס מ׳האט איינגעשטעלט אז מ׳זאל דאס אויכעט הערן אין א מקום וואס ער איז רחוק בגשמיות אבער קרוב ברוחניות, וואס דאס איז אמיתית הענין פון א אידן – ״נשמתם עיקר וגופם טפל״, וואס דאס ברייגנט אויכעט אראפ בחלקו בעולם אויכעט על דרך זה.

איז לכאורה האט מען געדארפט רעדן מערניט ווי דברי תורה, דברי התעוררות ויראת שמים, על כל פנים וואס איז נוגע צו עבודת האדם – ״אתם קרויים אדם״ – צו דער עבודה פון א אידן אין זיין לשמש את קונו דורך אלע תרי״ג מצוות; ניט דוקא בנוגע צו די וואס זיי זיינען מחוייב אין שבע מצוות בני נח, מיט אלע סעיפים טאקע, אבער זיי זיינען שבע מצוות.

אמת טאקע, דאס איז אויכעט דערפאר וואס דער אויבערשטער האט אזוי אנגעזאגט אין דעם זעלבן מתן תורה, וואס די התחלה לזה איז געווען יציאת מצרים בפסח, ״בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלקים על ההר הזה״, וואס דעמאלט איז אויך געקומען דער חיוב – ווי דער רמב״ם זאגט – אז מ׳דארף זיך משתדל זיין – אזוי האט משה רבינו באקומען בציווי ״מפי הגבורה״ אויף איבערגעבן דערנאך צו קהילת יעקב – אז יעדער מענטש זאל מקיים זיין דעם ״לשבת יצרה״, דעם ענין פון שבע מצוות בני נח וכל הסניפים שלהם.

און דא רעדט מען לכאורה וועגן אן ענין וואס דאס איז ניט שייך דוקא צו אידן אלס אידן, מערניט צו אידן אלס תושבי המדינה?

אבער כאמור לעיל – ״ודרשו את שלום העיר ... והתפללו בעדה״, וויבאלד אז מ׳געפינט זיך דא.

ובעיקר, ומיוסד על המדובר לעיל: דאס איז נוגע אז אידן ״מאחורי מסך הברזל״ זאלן קענען לערנען תורה מיט מער מנוחה ווי זיי האבן געלערנט ביז איצטער, קענען מקיים זיין מצוות מיט מער הידור ווי זיי האבן דאס מקיים געווען ביז איצטער, און אויכעט נוגע צו דער מנוחה פון די אידן במדינה זו עצמה.

וואס דערפאר דארף מען דא ניט צולאזן אט די וואס זיי ווילן אריינברייינגען פירוד, וואס דאס ווערט באצאלט מיט די געלט וואס קומט פון דערפון וואס מ׳גיט געלט פאר ברענגען אויל וכיוצא בזה ממדינות אחרות, על כל פנים בחלק חשוב של זה.

די טענה אז וואס וועט מען אויפטאן דורך דערויף וואס צען אידן, בטלנים – ״שבטלים מצרכי עצמם״ – וועלן ריידן וועגן דערויף צווישן זיך?

איז כמדובר כמה פעמים: דער רמב״ם האט אפגע׳פסק׳נט אז תורת אמת פסק׳נט אפ, אז א איד זאגט א דיבור אחד על פי התורה, איז אט דעמאלט איז ״חייב לראות עצמו שקול וכל העולם כולו שקול״, און דער ״דיבור אחד״ קען איבערוועגן ״עצמו וכל העולם לכף זכות״ און ברייינגען ״ישועה והצלה״! און ווי מ׳האט דאס געזען אויכעט בפועל, אז א דיבור וואס מ׳האט גערעדט ביחיד, און דערנאך האט מען דאס גערעדט ברבים, און דערנאך האט מען זיך משתדל געווען אז ס׳זאל אנקומען צו א חוג רחב יותר, ביז אין עיר הבירה – טאר מען זיך ניט מייאש זיין, כמדובר, מ׳האט געזען בפועל אז דאס האט א השפעה, און א השפעה, נאך בעזר ה׳ נאכמערער וויפל מ׳שטעלט זיך פאר.

וכמדובר, דאס איז טובת המדינה עצמה, ניט א זאך וואס מ׳בעט א טובה פאר א צווייטן אדער פאר א חולה; דאס איז טובת המדינה עצמה – זי זאל באפרייט ווערן פון דעם שעבוד צו די מדינות וואו ס׳געפינט זיך אט דער און דער חומר, וואס דאס איז א שעבוד אינגאנצן ניט בארעכטיגט, דאס איז פארבונדן מערניט ווי העדר פון הכרת תודה: מ׳באגרייפט ניט און מ׳וויל ניט מודה זיין צו דעם אויבערשטן אז דער אויבערשטער האט באשאנקען די מדינה אויכעט מיט מקורות אויף מרץ און אויף "ענערדזשי", מיט אלע ערליי לשונות ווי דאס ווערט אנגערופן.

אנהויבנדיק פון דעם כח החמה, און ווי מ׳האט ערשט געזאגט ביי ברכת החמה – אז "אין נסתר מחמתו": אז ס׳איז ניטא קיין איין און איינציקער ווינקל אין וועלט וואס איז אויסבאהאלטן פון דער ווארעמקייט פון דער זון.

אין דערויף איז אבער אויכעט דא דרגות: אז ס׳איז דא אזוינע ערטער, וואס פון דארטן איז נוסף וואס דאס איז געגנוג פאר זיי, פאר דעם ארט, קען דאס אויכעט אראפגעבראכט ווערן אין דעם שטח וואס ארום דעם ארט, ביז אראפגעבראכט ווערן בכל מדינה כולה, ביז ארויסגעבראכט ווערן מן הכח אל הפועל אין א אופן פון די והותר אויף משפיע זיין אויכעט אויף אנדערע מדינות.

און אט דעמאלט אז ס׳וועט דער חירות פון אט דעם שעבוד, טוט מען מיט א תוקף גדול יותר, און מ׳דארף גאר ניט אנקומען צו תוקף; דער עצם מציאות אליין אז דאס וועט באוואוסט ווערן, וועט דאס שוין מבטל זיין דעם לחץ, וויבאלד אז ס׳איז ניטא מיט וואס צו מאיים זיין, און מ׳האט געזען אז מ׳האט זיך ניט גערעכנט מיט די וואס ווילן דאס ניט צולאזן.

און מ׳טוט דאס מצד דעם ציווי ה׳ אויף אויסנוצן די כוחות וואס דער אויבערשטער גיט במילואם, על-אחת-כמה-וכמה די כוחות וואס דער אויבערשטער גיט א מדינה, א מלכות חסד, אז זי זאל דאס אויסנוצן לטובת הפרט ולטובת הרבים, ולטובת המדינה כולה ולטובת כל העולם כולו, א טוב אמיתי, ווארום דאס איז טוב לשמים וטוב לבריות; איז א זיכערע זאך אז דאס וועט פועל זיין פעולתו, אנהויבנדיק צעד אחר צעד, "לאט לאט אגרשנו".

ויהי רצון אז דער "לאט" זאל זיין בזריזות אין א אופן פון אחישנה, ובקרוב ממש זאל זיך די מדינה איבערשטעלן לכל לראש אויף דאס וואס מ׳וועט ארויסנעמען פון חמה בתקופתה אין דרום המדינה, און מ׳וועט דאס ברענגען בכל המדינה כולה, און דערנאך וועט מען אויכעט פאנאנדערארבעטן כל שאר הענינים.

און דער עצם התחלה בזה וועט שוין מטיל אימה זיין אויף די אלע וואס זיינען מנגדים צו טוב וצדק, און די אלע וואס זיינען מנגדים אז מענטשן זאלן לעבן פריי און אידן זאלן לעבן פריי, וואס דאס הייסט לעבן לויט אידישקייט וכיוצא בזה.

און דורך דערויף אז "בשלומה ... לכם שלום", וועט צוקומען אין דעם "לכם שלום" נאך זייענדיק אין די לעצטע טעג פון גלות, אז ס׳וועט זיין "ולכל בני ישראל היה אור במשבותם", און מ׳שטייט שוין אין די לעצטע טעג פון גלות – אין א אופן פון "ביד רמה".

וואס אזוי איז מען דאך צוגעגרייט אז גלייך ווי "נגאלין מיד" – "רגע כמימרא" – האט מען שוין די "יד רמה" אין דער הויך, און ווי רש״י טייטשט דאס אפ: מיט א גבורה, מיט אלע לשונות וואס רש״י ברענגט.

און ווי נאר משיח באווייזט זיך, איז "בנערינו ובזקנינו ... בבנינו ובבנותינו", ו"כספם וזהבם אתם", גייט מען מיט אים צוזאמען, בגאולה האמיתית והשלימה, אין "ארץ אשר ... תמיד עיני ה׳ אלקיך בה מראשית השנה ועד אחרית שנה", שלימות אין זמן, אן שינויים – "תמיד עיני ה׳ אלקיך בה".

און מ׳גייט אהינצו מיט שלימות העם, ווארום מ׳נעמט מיט שלימות התורה, און מ׳געפינט דארטן שלימות הארץ, און מ׳ברייגנגט די גאולה האמיתית והשלימה, במהרה בימינו ממש.

לחיים.

## מאמר

בכל דור ודור, און ווי דער אלטער רבי איז מוסיף און מבאר אין ספר תניא קדישא, ובכל יום ויום, איז חייב אדם לראות עצמו כאילו הוא יצא ממצרים.

דארף מען פארשטיין, וואס איז דא די הדגשה, אז בכל דור ודור, נוסף אויך ווי דער נשיא דורנו, דער רבי דער שווער, טייטשט דאס אפ, אז ״דור״ האט אויך אין זיך דעם אפטייטש ״שורה״, אז בכל שור ושורה, יעדערער לפי מצבו ומדריגתו, איז ״חייב לראות את עצמו כאילו הוא יצא היום ממצרים״ – וואס איז דא דער הכרח אויף אט דעם ענין.

בפרט נאך ווי מ׳איז נאך מוסיף בזה, אז ״מזכירין יציאת מצרים פעמיים בכל יום״, סיי ביום און סיי בלילה, נאך מערער ווי דער ענין פון ״מזכירין״ בכל יום ויום, נאר ס׳דארף נאך זיין פעמיים בכל יום.

און מ׳זאגט אז ״למען תזכור את יום צאתך מארץ מצרים כל ימי חייך״, וואס דאס איז דאך אויך אין זיך כולל דעם אפטייטש, אז בשעת ער דערמאנט זיך אויף ״ימי צאתך מארץ מצרים״ – דארף דאס זיין אין אזא אופן, אז דאס זאל דערנאך פועל-זיין אויף ״כל ימי חייך״, בדוגמא ווי מ׳זאגט בא שנת הקהל , אז בשעת מ׳האט דאס געהערט איין מאל – האט דאס דערנאך גע׳פועל׳ט אויף ״כל הימים אשר אתם חיים״.

וואס על דרך זה אויך ווערט דאך דער גאנצער יאר אנגערופן בשם ״שנת הקהל״ – על שם זה וואס איין מאל אין דעם יאר, בתחילתו, איז געווען דער ענין פון ״הקהל את העם האנשים והנשים והטף״, בדוגמא ווי רש״י איז מפרש אויף שנת היובל, אז פארוואס ווערט דער גאנצער יאר אנגערופן בשם ״שנת היובל״? דערפאר וואס ביום-כיפור פון שנה ההיא איז געווען די תקיעה בשופר, וואס שופר ווערט אנגערופן ״יובל״.

וואס דאס איז דאך אויך דער תוכן הענין, אז די תקיעה בשופר אין שנת היובל, די שמיעה פון קריאת התורה אין הקהל – האט דאס דערנאך גע׳פועל׳ט על כל השנה, ביז וואנעט ס׳האט אויך גע׳פועל׳ט אויף ״כל ימי חייך״.

ולאחרי זה זאגט מען, אז אף על פי כן, איז דערנאך דארף ער, ביום שלאחרי זה, נאכאמאל דערמאנען יציאת מצרים.

וואס אין דערויף איז דאך אויך דא די תמיה לאחרי זה: יציאת-מצרים איז דאך שייך זאגן, אז מ׳געפינט זיך אין מצרים.

דאס הייסט, אז אף על פי וואס ער דערמאנט יציאת-מצרים ביום, און דערנאך זאגט מען אים דעם ציווי אויף דערויף, אז ״כאילו הוא עצמו יצא היום ממצרים״ – איז אז ס׳קומט דערנאך די לילה שלאחרי זה, דארף ער נאכאמאל דערמאנען, און דערמאנען אז ער גייט איצטער ארויס פון מצרים.

דאס הייסט, אז לאחרי זכירת יציאת-מצרים ביום – איז שטייט ער נאך אלץ אין מעמד ומצב, אז דאס ווערט אנגערופן בשם ״מצרים״ און דערנאך איז דא דער ענין פון ״יציאת מצרים״.

וואס איז דאך אין מקרא וענין יוצא מידי פשוטו, איז כדי צו וויסן – ״התורה היא נצחית״ – די הוראה דערפון א הוראה נצחית, א הוראה ״בכל דור ודור״, און נאך מערער, אין יעדער דור גופא – א הוראה ״בכל יום ויום״, און נאך מערער בכל יום ויום – א הוראה ״בכל שורה ושורה״ לפי מדריגתו ומצבו, וואס אין דערויף גופא איז דאך יעדער מענטש א בעל שינוי, איז דאך דאס ניט גלייך פון איין שעה צו דער צווייטע, בפרט נאך אז ס׳בייטן זיך די צירופים פון שם הוי׳ ושם אדנ-י וואס זיי זיינען דאך מהוה די גאנצע וועלט והוא בכללותו, איז לפי ״כל שורה ושורה״ איז דא ווייטער אמאל דער ענין פון יציאת-מצרים – לערנט מען דאס אפ פון ווי דער ענין איז געווען בפשטות, בפעם הראשונה.

וואס דעמאלט איז דאך געווען דער "אלה שמות בני ישראל הבאים מצרימה", אז זיי זיינען געקומען מארץ הקודש "יעקב ובניו, איש וביתו באו", און זיי זיינען געקומען מצרימה, און דערנאך איז דארט געווארן דער ענין פון מצרים ווי דאס איז שיעבוד מצרים, און דערנאך איז געווארן דער ענין פון יציאת מצרים.

וואס דער ענין פון שיעבוד מצרים איז דאך אויך ווי דערציילט אין פשטות הענינים, איז דאך ניט געקומען די עבודת פרך בבת אחת, נאר ס'איז געווען דער לאט לאט, אז פריער איז געווען "בפה רך", און דערנאך איז געקומען "בפרך" כפשוטו.

אזוי אויך אין דעם משך הדורות, איז דאך אויך בשעת מ'האט געדענקט נאך "את יוסף", על אחת כמה וכמה בחיי יוסף והשבטים, איז אמת טאקע מ'איז געווען אין מצרים, ניט אין "ארץ מגורי אביו", וואס דאס גופא איז דאך שוין א שיעבוד – "ירוד ירדנו", אבער אף על פי כן קומט דאס ניט דערצו ווי ס'איז דערנאך געווארן ווען "וימת יוסף וכל אחיו", ביז וואנעט אז נאך דערויף גופא איז געווארן אין אן אופן אז "ולא זכר את יוסף".

און דעמאלט איז אויך געווען אין אן אופן פון "הבה נתחכמה לו", "בפה רך", כמבואר בארוכה אין מדרשי חז"ל, און ערשט דערנאך איז געקומען דער ענין פון "פרך" כפשוטו.

און דערנאך איז געווען די יציאה ממצרים אין אן אופן, אז נאך פאר דערויף, אין די לעצטע טעג פון גלות מצרים, איז "ולכל בני ישראל הי' אור במושבותם", במילא איז דאך פארשטאנדיק, אז זיי זיינען שוין דעמאלט געשטאנען אין אן אופן פון "ביד רמה", ו"כיון שהגיע הקץ", ווי ער זאגט אין מכילתא און רש"י ברענגט דאס אראפ – "לא עיכבן אפילו כהרף עין" און מ'האט זיי גלייך ארויסגעבראכט אין דער גאולה האמיתית והשלימה, וואס ווען דעמאלט וואלט געווען דער "זכו" – וואלט דאך דעמאלט אזוי געבליבן, א גאולה שאין אחרי' גלות, כמבואר במדרשי חז"ל.

ככל הדברים האלה וככל החזיון הזה איז דאס אויך אין דעם כללות ענין ירידת הנשמה בגוף, וואס דאס איז דאך – ווי ער זאגט אין תניא – אן ענין של גלות, ווארום זי קומט אראפ "מאיגרא רמה לבירא עמיקתא", פון "ארץ מגורי אביו", וואס דאס איז דאך אבינו שבשמים, "חי הוי' אלקי ישראל אשר עמדתי לפניו", קודם ירידת הנשמה בגוף, "בנות ירושלים", שלימות היראה, כמבואר אין לקוטי תורה, און מ'קומט פון דארטן אראפ כמה וכמה ירידות, ביז וואנעט מ'קומט אין דעם "בירא עמיקתא" –נשמה בגוף, ביז ווי דער גוף געפינט זיך אין עולם הזה התחתון שאין תחתון למטה הימנו.

וואס אף על פי וואס דאס איז א גוף קדוש, ואדרבא צוליב אט דעם גוף האט מען געגעבן תורה ומצוותי', ווארום תורה "לא בשמים היא" – מ'דארף דאך דאס אבער אין דעם גוף מגלה-זיין און ארויסברענגען מן הכח אל הפועל, און ארויסברענגען – ווי דער גוף געפינט זיך בתחתית המדריגות אין עולם הזה התחתון שאין תחתון למטה הימנו, וואס דערפאר זאגט מען דאך "אחור וקדם צרתני", אז ער איז טאקע "קדם" – דערנאך איז ער אבער ווי ס'קומט אראפ אין בריאה איז קדמה יצירת כל העולם כולו ליצירת האדם, "אחור צרתני", דארף ער דערנאך אין דערמיט הארעווען.

וואס די ירידה "מאיגרא רמה לבירא עמיקתא" איז דאך דאס אויך לאט לאט: ס'איז דאך דא ווען "התינוק במעי אמו" איז דאך לומד כל התורה כולה, און אין אן אופן פון "נר דלוק על ראשו", מיט כל הענינים שלאחרי זה, ביז וואנעט אז דערנאך קומט דער ברית מילה, אפילו כשיצא לאויר העולם קומט דאך "ביום השמיני ימול בשר ערלתו", וואס דעמאלט איז דער גמר כניסת נפש הקדושה, ווי דער אלטער רבי זאגט אין שולחן-ערוך, און אויך בהנוגע לאישה פסק'נט דאך אפ די גמרא, אז דאס איז "כמאן דמהילא דמיא".

און דערנאך גייט מען אויך אין דעם ענין פון "חיל אל חיל", אז די נשמה קומט פון "מוחין דיניקה" ווי זי איז בקטנות – איז ווערט זי דערנאך פון "מוחין דיניקה" מוחין דגדלות, ווי דאס איז ברוחניות, ביז צו "בן עשרים" וואס "מוכר בנכסי אביו", ווי ער טייטשט דאס אפ אין לקוטי תורה, פון עץ חיים.

על דרך זה אבער ״זה לעומת זה עשה אלקים״, על דרך זה איז דאס אויך בהנוגע צום גוף, אז ס׳ווערט דער ענין וואס ס׳איז טאקע אנהויבנדיק פון ״פה רך״, דער פיתויים פון ״אל זר אשר בקרבך״, איז דאך ניט ס׳הויבט זיך אן גלייך מיט ״פרך״ כפשוטה, ברוחניות, נאר ס׳הויבט זיך אן מיט ״פה רך״ – ״היום אומר לו כך״, און ערשט דערנאך איז ״אומר לו כך״, עפעס וואס מערער, ביז וואנעט ער זאגט ער אים ״לך ועבוד״ – דער ״פרך״ ברוחניות, אבער אין רוחניות גופא – אין דעם אופן פון פשוטם.

וואס דאס איז דער כללות חיי האדם עלי אדמות, אין אזא מעמד ומצב פון ״מאיגרא רמה לבירא עמיקתא״, און אין דעם ״בירא עמיקתא״ – אט דארט האט ער די מלחמה, דער ״נהמא אפום חרבא ליכול״, דער לחם וואס ״יחי׳ האדם״ איז דאס פארבונדן מיט ״אפום חרבא״, מיט דעם ענין פון לחם אותיות לחם – אויך דער ענין פן מלחמה, דער ענין פון אתכפיא, ביז וואנעט ער קומט צו א נצחון גמור, ביז וואנעט ער קומט צו א נצחון בשלום – אן אופן פון אתהפכא, ביז אן אופן פון אתהפכא בתכלית השלימות פון שלום, ווי ער איז מבאר בארוכה אין שערי תשובה פון דעם מיטעלן רבי׳ן בסופו.

וואס אט דעמאלט ווערט אויך דער ענין, אז ער גייט ארויס פון מיצרים וגבולים פון די בירא עמיקתא, וואס אפילו ווען ער גייט שוין ארויס פון ״בירא עמיקתא״, איז דאס נאך א ווייטער מהלך, אן עבודה רבה, ביז וואנעט ער וועט צוקומען צו ״איגרא רמה״.

און דאס איז דאך נאך אויך ניט מספיק: די ירידה איז דאך א ״צורך עלי׳״, כדי ס׳זאל זיין אן עלי׳ נאך אין א העכערן ארט ודרגא פון וועלכע ער איז געקומען, העכער נאך פון דער ״איגרא רמה״, וואס ״חי הוי׳ אלקיך ישראל אשר עמדתי לפניו״, פון וואנעט זי איז ירדה ונסעה, בדוגמא ווי תורה ירדה ונסעה – זאל זי נאך צוקומען ״אל האלקים אשר נתנה״, ״נשמה שנתת בי טהורה היא״, וואס דאס איז נאך העכער ווי די נשמה שטייט אין אן אופן פון ״אתה בראתה״, ״חצובה מתחת כסא הכבוד״.

וואס אין אט די אלע דרגות איז דאך יעדער דרגא לגבי דרגא שלפניה, שטייט זי דאך אין אן אופן וואס דאס איז ארויס פון די מיצרים און די גבולים פון די דרגא שלפני זה.

בדוגמא ווי דאס איז כפשוטו: אז מ׳גייט ארויס פון א ״בירא עמיקתא״ על שטח פני הארץ – האט מען דאך ניט די מדידות והגבלות פון קירות הבור – אף על פי כן, האט מען דאך די מדידות והגבלות פון דעם שטח אין וועלכן ער איז ארויס ארויסגייענדיק פון דעם בור.

בדוגמא ווי ס׳איז געווען אין מצרים גופא, דער ״בור האסורים אשר האסורים נתונים בו״, און דערנאך איז געווען ווי מ׳ווערט משוחרר און באפרייט, ״נוהג כצאן יוסף״, אז מ׳ווערט באפרייט פון דעם בור, ביז אין אן אופן פון ״ויריצוהו מן הבור״ – אבער אף על פי כן געפינט מען זיך אין מצרים, תחת ממשלת פרעה, אמת טאקע ״רק הכסא אגדל ממך״ – דאס איז דאך אבער אויך א כסא וואס איז פארבונדן מיט פרעה.

על דרך ווי ס׳איז געווען דעמאלט, אז אויך אין מצרים גופא איז געווען כמה דרגות אין חירות, אז ״בראש השנה בטלה עבודה מאבותינו ממצרים״, דערנאך איז געקומען ראש חודש ניסן, וואס דעמאלט איז געזאגט געווארן ״החודש הזה לכם ראש חדשים״, ״בניסן נגאלו״, אז דאס איז ״נתן להם חודש של גאולה״, וואס דאס איז פארבונדן מיט דעם אנזאג און מיטן ענין שבתורה דער ״החודש הזה לכם ראש חדשים״.

און דערנאך איז אין חודש ניסן עצמו איז דאך אויך געווען כמה דרגות: ווי דאס איז געווען בראש חודש, און דערנאך ווי דאס איז געווען ״בעשור לחודש״, וואס דאס האט דאך געבראכט א חירות נוספות, אז ״משכו וקחו לכם״ שה, די עבודה זרה פון מצרים, האט גאנץ מצרים געזען אז אידן האבן דערמיט געטאן דעם ״משכו וקחו לכם״ ״וקושרו בכרעי המטה״, מיט אלע פירושים שבדבר.

און דערנאך איז אויך געווען ווי דער ענין איז געווען אין י״ד בניסן, אך ביום הראשון, בחצי היום דערנאך ווי דאס איז געווען בלילה, און דערנאך ווי דאס איז געווען אלס דרגא אחר דרגא אין חירות, ביז ס׳איז

געוועז דער "ובני ישראל יוצאים ביד רמה", "בעצם היום הזה", ווי דאס איז געוועז ביום פון חמשה עשר בניסן.

וואס יעדער דרגא לגבי דרגא שלפני זה, איז בדוגמא ווי ס'איז געווען בא "ויוסף הורד מצרימה", איז אין דערויף איז דאך געווען ירידה אחרי ירידה: פריער "הורד מצרימה", און דערנאך אין מצרים גופא – אין דעם בור פון בית האסורים, אין "בירא עמיקתא".

און דערנאך אויך אין חירות שלו, ווי מ'גייט ארויס פון בור, און דערנאך איז "וישמהו על כל ארץ מצרים", ביז ער ווערט דער "מושל בכל ארץ מצרים" ו"בלעדיך לא ירים איש את ידו ואת רגלו" – אף על פי כן איז דאס געווען אין אזא מעמד ומצב אז ס'האט געקענט זיין "ולא זכר את יוסף", ביז וואנעט אז ס'האט דערנאך געקענט זיין אויך דער ענין פון שיעבוד, אמת טאקע אנהויבנדיק פון "פה רך", אבער דערנאך איז דאס געקומען צו "פרך" כפשוטו.

וואס ככל הדברים האלה איז אויך אין עבודה בכל יום ויום של כל אחד מישראל, אז בתחילת היום איז דא דער ענין וואס ער דארף געדענקען אז ס'וועט קומען דער זמן ביום דארף ער דעמאלט דערמאנען יציאת-מצרים, און וויסן זיין, אז "הוא עצמו יצא היום מארץ מצרים" – אף על פי וואס ווען ער הויבט-אן דעם טאג זאגט ער שוין "מודה אני", ער איז אבער דעמאלט אין אזא מעמד ומצב וואס ער קען ניט דערמאנען קיין שמות קדושים.

דערנאך גייט ער אויך אין דעם "סולם מוצב ארצה", ווי נשיא דורנו טייטשט-אפ, אז דאס איז דער סולם וואס ער איז מוצב אין אן ארט וואס דאס איז נאך נידעריקער פון "ארץ" סתם, כמדובר אז ער קען ניט דערמאנען בדיבור קיין איינעם פון שמות הקדושים – אף על פי וואס "נפש השנית בישראל" איז דאך "חלק אלוקה ממעל ממש", און דאס איז "החזרת בי נשמתי", איז דאך דער ענין אויך פון דעם "נפש השנית בישראל", בדיבור ובגלוי קען ער דאס אבער ניט זאגן.

און אפילו נאך דערויף אז ער זאגט שוין שמות קדושים – הויבט ער דאך אן פון "הודו להוי'", מערניט אין אן אופן פון הודאה, און דערנאך איז ער עולה שלב אחר שלב, ביז וואנעט אז "ראשו מגיע השמימה".

וואס יעדער דרגא לגבי דרגא שלפני זה איז דאך אין אן אופן פון מיצרים וגבולים, און ער דארף ארויס פון די מיצרים וגבולים, און דארף ארויס ב"יד רמה" – וואס דעמאלט גיט דאס אים כח "להעלות בקודש", אז אין דעם מעמד ומצב צו וועלכן ער וועט דערגרייכן לאחרי זה, זאל ער אויך דערנאך זאל ווערן פאר אים דארטן ענג, אן ענין של הגבלה, הגבלה וואס ער פילט אז דאס איז היפך פון זיין מציאות, ווארום זיין מציאות איז אז "חלק אלוקה ממעל ממש" זאל שטיין ביי אים בגלוי און דאס זאל אנפירן בכל ענייניו און מיט מחשבתו דיבוריו ומעשיו, אויך "בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאדך".

וואס דערפאר דארף ער ארויסגיין פון מצרים – געדענקענדיק אויך, אז דערנאך דארף זיין ביי אים דער "להעלות בקודש", אז לאחרי העלי' זו איז קומט ער צו אין א דרגא אין עבודה אז ער דערפילט אז דאס איז פאר אים, במעמדו וב"שורה" שלו עצמו, אן אופן פון מיצרים וגבולים, און ס'דארף זיין "יציאת-מצרים", וויבאלד אז ביי אים האט זיך געביטן פון יום צו לילה, אדער פון לילה צו יום, כמבואר בארוכה ווי דאס איז אין עבודה דער ענין פון "יום", און דערנאך איז דא דער "לילה", ווי ער זאגט אין "חינוך קטן", אז דאס איז ניט קיין נפילה אמיתית, נאר דאס איז "ישת חושך סתרו", וואס דורך דערויף קומט ער דערנאך צו א דרגא אין דעם אור וואס ביז דעמאלט האט ער דאס ניט געקענט נעמען אלס אור, מערניט ווי אין אן אופן פון "חושך", מיט די אלע פירושים וביאורים שבדבר.

וואס דערפאר איז דאס אויך וויבאלד אז "אני לא נבראתי אלא לשמש את קוני", על כל פנים "אני נבראתי לשמש את קוני", דארף דאך דאס זיין כל רגע שהוא חי דארף ער שטיין אין אן אופן פון "לשמש את קוני", "ברוך קונך", וואס דאס איז עולם האצילות, וואס דאס איז העכער אפילו פון "אתה בראתה", מכל מיצרים וגבולים פון עולמות בי"ע וואס "ומשם יפרד" – איז בכל יום ויום, און בא יעדער זאך וואס לייכט אים,

"ויקרא הוי' לאור יום" – איז דאס אין אזא אופן אז ער דערפילט אז דאס איז ארויס פון מיצרים וגבולים שלפני זה, און דאס ווערט דערנאך "תזכור את יום צאתך מארץ מצרים כל ימי חייך", אז דאס ווערט אין געטאן אין אזא אופן, אז ער געדענקט, אז מעמדו ומצבו עתה איז לגבי מצבו ומעמדו לאחרי זה – איז דאס אויך אן ענין של מיצרים וגבולים, און ער דארף פון זיי אויך ארויס.

און דאס העלפט-צו דערצו, אז ווען "נזכרים" איז דאס אויך "נעשים", אז ער דערמאנט יציאת-מצרים אויך בלילה שלאחרי זה – ווערט דאס אויך דער ענין פון "ונעשים", ווערט דאס דאס אויפגעטאן בפועל.

און מ'זאגט אויף דערויף אויך, ווי אזוי קומט מען דערצו צו וויבאלד ס'איז דאך "אין חבוש מתיר עצמו מבית האסורים"? זאגט מען אין דערויף "אלקים צבאות השיבנו האר פניך ונושעה", אז נאך בשעת ער שטייט אין "אלקים" בגימטריא הטבע, ער געפינט זיך נאך אין "בירא עמיקתא", וואס דאס איז "אלקים" בגימטריא הטבע און אלקים לשון רבים, "נעשה" לשון רבים מיט אלע פירושים שבדבר – איז שטייט ער דעמאלט אין א מעמד ומצב, אז אלקות שבו ווערט "כחך וחיותך", ווארום דאס איז "אלקים צבאות", וואס ס'בלייבט דאך ווי דער דין איז אז "צבאות" איז שם קודש הוא, על שם וואס "אות הוא בצבא שלו", אז דער אות וואס ס'איז דא בא יעדער אידן, "יש ששים ריבוא אותיות לתורה", נאך מערער בכללות, אז יעדער איד נעמט זיך דאס פון אות ה"א שבשם הוי', און נאך מערער "אנכי הוי' אלקיך", אז בא יעדער אידן איז "כחך וחיותך", זיינען אלע דא ד' אותיות פון שם הוי' דוקא, אף על פי וואס ער איז מלובש אין אלקים, איז ווערט דער ענין פון "השיבני" – דער ענין וואס התחלה באתערותא דלעילא, במילא ווערט ער אויס "חבוש", ווארום ער פארבינדט זיך מיט "כחך וחיותך".

און דאס ווערט "אליך", און דערנאך ווערט "ונושעה".

און דערנאך קומט אויך ווי דער איז דערנאך מסיים וחותם במזמור זה, אז נוסף וואס "אלקים צבאות" – ווערט אויך "הוי' אלקים צבאות השיבנו האר פניך ונושעה", און דא שטייט דער "האר פניך" אן א וי"ו המפסיק והמוסיף, ווארום דאס איז איין זאך מיט "השיבנו".

בשעת ס'איז "אלקים צבאות השיבנו" איז מערניט וויבאלד ער געפינט זיך אין "בירא עמיקתא", איז דא מערניט ווי בתחילת הענין דער "השיבנו", דער קער, דער "שעה אחת", דער א קער טאן זיך, "השיבנו אליך", דערנאך איז דא א צווייטע דרגא, אז דאס שטייט ביי אים ניט אין אן אופן פון א בת-קול וואס ס'הערט דער "מזל" שבנשמה, נאר אויך "האר פניך", דאס דערהערט אויך די נשמה בגוף, ברענגט זי דאס אויך אראפ אין מחשבה דיבור ומעשה שלו, ביז דאס ווערט "ונושעה".

ביז דערנאך ווי ס'ווערט בסיום המזמור, וואס דאס איז דאך א תפילה וואס "יהיו לרצון אמרי פי הוי' צורי וגואלי", וואס דאס איז דאך די הקדמה לכל ספר תהלים, כמבואר במדרש תהלים, ווערט דעמאלט איז דעם אלקים שטייט אויך בגלוי און פאר דערויף דער ענין פון הוי', וואס דעמאלט ווערט אויך "צבאות", "אות הוא בצבא שלו", און דעמאלט ווערט דער "השיבנו" אין אזא אופן, אז ס'איז ניט א דבר שני, ניט אן ענין המפסיק, נאר "השיבנו" עצמו איז אין אן אופן פון "האר פנינו" – דער ענין ההתעוררות איז פון תשובה עילאה, ווערט דעמאלט "ונושעה" אין אן אופן פון תשועת עולמים.

ביז ווי דאס איז בפשטות, אז פון די יציאת מצרים שבכל יום ויום, ופעמיים בכל יום, סיי ווי ער שטייט אין דעם מעמד ומצב פון "יום" סיי ווי ער שטייט אין א מעמד ומצב פון "לילה",

וואס מ'דארף דאך האבןביידע מצבים ומעמדים, ווי געגערעדט אין דעם פריערדיקן מאמר סיי דער ענין פון רצוא סיי דער ענין פון שוב, "והתהלכתי" לשון רבים, "מהלכים" אויך לשון רבים,

ווערט דאס דערנאך די הכנה והקדמה קרובה אז "ונושעה" צו תשועת עולמים, צו דער גאולה האמיתית והשלימה שאין אחרי' גלות, דאס איז "לעולמים", צו בנין בית המקדש, וואס "מקדש אדנ-י כוננו ידיך", א

בנין נצחי, ובמהרה בימינו ממש, אין חירותינו ממש, דורך משיח צדקנו, וואס יבוא ויוליכנו קוממיות לארצנו בעגלא דידן, בגאולה האמיתית והשלימה, "ושם נאכל מן הזבחים ומן הפסחים".

## שיחה ה׳

מ׳שטייט דאך איצטער אין געציילטע טעג פאר פסח, איז דאך כמדובר אין די התוועדויות הקודמות, ובפרט נאך אנהויבנדיק פון פורים וואס דאס איז "שלושים יום לפני החג", על אחת כמה וכמה ראש-חודש ניסן ב"פרוס החג", וואס דאס איז לדעת ר׳ שמעון בן גמליאל אויך איז שבועיים לפני החג, על אחת כמה וכמה "בעשור בחודש", וואס דאס איז דאך דער יום בשנה זו ביום שלישי שהוכפל בו כי טוב, וואס דאס דערמאנט דאך אויפן "למכה מצרים בבכוריהם" – אויף דעם "נס גדול" וואס איז געווען "בעשור בחודש" אין מצרים בהנוגע "למכה מצרים בבכוריהם", פארבונדן וואס ס׳איז געווען דער נס ביי אידן פון "משכו ידיכם – מעבודה זרה – וקחו לכם שה לבית אבות שה לבית". וואס דאס איז דאך אויך מודגש, כמדובר כמה פעמים, דער ענין פון א משפחה בישראל, וואס דאס איז דער אויסנאם פון קרבן פסח לגבי כל שאר הקרבנות, אז "בבית אחד יאכל" – בחבורה אחת.

ביז וואנעט אז אויך בהנוגע צו התחלת החג, בביתו של ישראל, "כשיבוא מבית הכנסת", וואס אט דעמאלט איז דאך ווי ער זאגט אין סידור האריז"ל דארף מען זאגן בקול רם דער ענין ההגדה – הויבט זיך פון אלעם ערשטן אן פון מבצע פון אהבת ישראל – אז "כל דצריך" און "כל דכפין" לאדנט מען זיי איין, און מ׳לאדנט זיי איין "בקול רם". און דערנאך גלייך נאך דערויף הויבט מען אן פון קטנים וקטנות בישראל – אז "כאן הבן שואל", און ערשט דערנאך קומט דער ענין פון "עבדים היינו" – דער ענין פון שיעבוד מצרים, וואס דאס איז די הקדמה צו "ויוציאנו", וואס כל ענין הירידה ו"עבדים היינו במצרים" איז דאס, כמדובר לעיל, "צורך עלי'": כדי ס׳זאל קענען זיין "ויוציאנו הוי׳ אלקינו ממצרים" – האט ניט געקענט זיין דער חסד און אהבת ה׳ בגלוי, ווי דאס האט זיך ארויסגעוויזן אין דעם "ויוציאנו" – סיידן ס׳איז פריער געווען דער שיעבוד מצרים, און אין אן אופן פון "עבדים היינו במצרים". וואס דאס איז דאך אויך, דער פנימיות פון דער ירידה צורך עלי׳ איז דאך אין דערויף דער אפטייטש, אז דער גאנצער ענין פון דער ירידה איז – כדי מ׳זאל קענען צוקומען צו דער עלי׳ שלאחרי זה.

וואס דאס ווערט דאך גלייך פארבונדן אויף דערמאנען נאך אמאל, אז מ׳שטייט שוין "בעשור לחודש", ווי דער טאג שלפני לילה זו, דערנאך קומט מען שוין פון דעם "בעשור לחודש" – אין דעם לילה און דעם טאג שלאחרי זה, וואס דער נשיא זיינער איז "נשיא לבני אשר", וואס ער זאגט אויף דערויף אין מדרש, אז יעדער נשיא האט מקריב געווען כל קרבנותיו דורכגענומען מיט א נקודה אחת, מיט איין ענין, איז דער ענין פון אשר׳ן איז געווען – "ואשרו אתכם כל הגוים": אט דאס וואס דער אויבערשטער האט בוחר געווען אידן סגולה מכל העמים, ווי ער ברענגט אראפ אין מדרש, ביז אין אן אופן פון "ואשרו אתכם כל הגויים". וואס אין "אשר" שטייט דאך בגלוי דער ענין פון "ואשרו", וואס "ואשרו אתכם כל הגויים" איז דאך מוסיף: נוסף אויף דעם עיקר, וואס דער אויבערשטער איז "בחר ביעקב ובניו" מכל העמים, מכל הגויים – איז דאס געווארן אין אזא אופן, אז אומות העולם זיינען מסכים אויף דעם, און נאך מערער – אין אן אופן פון "ואשרו אתכם כל הגויים". בדוגמא ווי מ׳זאגט בפרטיות בהנוגע לגאולה העתידה במהרה בימינו ממש, אז ס׳וועט זיין "מלכים ושרותיהם" וועלן זיי זיין די משרתים און עבדים און "מניקותייך" בא יעדער אידן און ביי אלע אידן.

וואס דאס איז דאך דער ענין ניט סתם הודאה, נאר דער ענין פון "ואשרו אתכם", און מ׳איז מאשר כ"מנחה טהורה" וואס מ׳ברענגט אין א "כלי טהור", אין "בית ה׳" – מ׳העלפט ארויס יעדער אידן און אלע אידן ארויסגיין פון גלות און שיעבוד, אפילו באיזו דרגא שתהי׳, הכי קלה, מערניט ווי א רמז, ווארום ער שטייט שוין "ביד רמה", און אין אן אופן פון "אור במושבותם" – איז פאר א נשמה וואס זי איז "חלק אלוקה ממעל ממש" איז ניטא קיין גרעסערע און טיפערע ירידה ווי דאס איז כל זמן ער געפינט זיך ניט צוזאמען מיט "אלקים אשר נתנה" – נשמה בגוף, אבער צוזאמען איין זאך מיט עצמות ומהות, אויך בגלוי ובגשמיות, אין גשמיות פון וועלט, אשר "תמיד עיני ה׳ אלקיך בה מראשית השנה ועד אחרית שנה". וואס דעמאלט איז

דאך אויך כאן הזמן און אויך כאן המקום – אין א מקום קדוש ובמעמד ומצב של כמה עשיריות מישראל – דערמאנען נאכאמאל און מעורר זיין בנוגע צו מבצע פסח, צו "קמחא דפסחא" און "מבצע פסח" בכלל, ובלשון ההגדה, אז "כל דכפין ייתי וייכול" און "כל דצריך ייתי ויפסח" – ברוחניות הענינים, ואין ענין יוצא מידי פשוטו – בעיקר בגשמיות הענינים, על אחת כמה וכמה – די השתדלות פאר די וואס געפינען זיך אין א מעמד ומצב מיוחד, צי דאס איז בבית הרופאים, אין די "האספיטעלער", אדער דאס איז בצבא, אין א מעמד ומצב וואס ער מוז זיין שלא במקומו הרגיל ומעמדו ומצבו הרגיל.

על דרך זה אויך – אט די וואס געפינען זיך בבית האסורים, כמדובר כמה פעמים בארוכה, און אויך בשנה זו.

וואס אויך א מבצע "גורר" מבצע: אז מ'רעדט שוין וועגן מבצעים, איז אויך דער מבצע וואס דער אויבערשטער דארף טאן, פון "ואתם תלוקטו לאחד אחד". אנהויבנדיק פון די וואס געפינען זיך אין א "בירא עמיקתא" לגבי אונז – אט די וואס געפינען זיך מאחורי מסך הברזל, וואס זיי האבן דאך שוועריקייטן שלא בערך די שוועריקייטן וואס זיינען דא אין ארצות החופש, אין די מדינות, בהנוגע ללימוד התורה וקיום מצוותי', וואס "הם חיינו ואורך ימינו". וואס דער "מבצע" איז דאך אויך פארבונדן מיט שאר המבצעים פון בשר-ודם, אנהויבנדיק פון מבצע אהבת ישראל, וואס דאס איז דאך אויך דער יסוד פון "כל דכפין" און "כל דצריך", דער מבצע פון חינוך, ווי גערעדט פריער בארוכה, אז דאס איז דער ענין אויף וועלכן ס'האלט זיך "גדיים", וואס פון זיי וואקסט דערנאך אויס, אז פון די "גדיים" זאלן ווערן "תיישים", דורך דעם חינוך על ידי חינוך המתאים, וואס דאס איז פארבונדן דורך דערויף וואס דער אויבערשטער איז "מחנך" אידן, דורך געבנדיק זיי תורה ומצוותי', וואס די התחלה בזה איז געווען אין ראש-חודש ניסן, באמירת פון "החודש הזה לכם ראש חדשים", וואס דאס איז דאך געווען די "מצוה ראשונה" שניתנה מהקב"ה על ידי משה ואהרן לכל אחד ואחת מישראל עד סוף כל הדורות, און – אין אן אופן פון גאולה, מתאים צו דעם זמן ווען די מצוה איז געגעבן געווארן כדי מ'זאל איר קענען מקיים זיין אז מ'שטייט אין א מעמד ומצב פון חירות וגאולה, אין אן אופן בלי מדידות והגבלות, "בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאודך". וואס דאס קומט דערנאך אראפ אין די מבצעים כלליים, וואס זיי זיינען "פרטים" לגבי מבצעים אלו, וואס דאס איז דער מבצע תורה, און מבצע תפילין, אויף וועלכע מ'זאגט דערנאך "למען תזכור תורת הוי', כי בחוזק יד הוציאנו הוי' ממצרים" – פארבונדן מיט יציאת מצרים, "הוקשה כל התורה כולה לתפילין", וואס דערפאר איז דאך בא רוב המצוות כמעט כולן זאגט מען, אז זיי זיינען "זכר ליציאת מצרים", ובפרט ווי גערעדט אין דעם מאמר וואס איז דאך גענומען ממאמרי רבותינו נשיאינו, מיוסד אויף דעם פרק אין תניא, אז יציאת מצרים איז דאס עבודת כל יום ויום, בכל אחד ואחת, און נאך מערער – פעמיים בכל יום, לויט די שינוי וואס איז דא בא יעדערן, וואס יעדערער איז א בעל שינוי: אט איז ער "לילה" און אט איז ער "יום", און אט איז ער "יום" און אט איז ער "לילה". דערנאך קומט דאס אראפ אין מבצע מזוזה, אז ס'ווערט ניכר "בביתך ובשעריך" דער ענין אז דאס געהערט אלץ "להוי' הארץ ומלואה", מבצע צדקה, וואס "צדקה עשה הקב"ה שפיזרן לבין אומות העולם", איז דאס בתור "צדקה", ניט חס ושלום צוליב דעם "פיזור", נאר דער פיזור איז דער עונש און צרה הכי גדולה, נאר בשעת א איד טראכט זיך אריין דער תכלית שבזה, אז דאס איז "צורך עלי'": אנדערש קען ניט ארויסגעוויזן ווערן די אהבה וחיבה פון "הוציאך מארץ מצרים" סיידן אז פריער איז דא דער ענין פון "עבדים היינו לפרעה", אבער דער ענין פון "עבדים היינו" איז דאס אויך מצד גזירת הקב"ה, כמבואר אין תורה שבכתב בפשטות, על אחת כמה וכמה ווי דאס איז מבואר אין תורה שבעל פה, ביז לפסק דין הלכה בפועל.

וואס דערנאך קומט דאס אראפ אין א "בית מלא ספרים – יבנה וחכמי'", תורה שבעל פה בגדלות ובהרחבה, ביז וואנעט אז אפילו אין זמן הגלות האט מען זיך געפירט אין יבנה, בנוגע צו תקיעת-שופר וכיוצא בזה, ווי מ'האט זיך געפירט אין בית המקדש בירושלים, כמבואר במשנה ביז אין פוסקים, על אחת כמה וכמה – ענינים וואס זיי זיינען פארבונדן מיט "נשים צדקניות", וואס בדור זה זיינען דאך נשי ישראל – כמבואר אין ספר הליקוטים להאריז"ל – בדוגמא פון די נשים צדקניות בדור שיצאו ממצרים, וואס זיי האבן אויפגעשטעלט די "צבאות הוי'", וואס "הם הכירוהו תחילה", וואס דאס אזי דאך אויך פאנאנדערגעטיילט אין דעם "חוט המשולש": דער ענין פון נרות שבת קודש ויום טוב, ובפרט אין יום-טוב פסח וואס קומט גלייך נאך שבת – האט מען דאך נאכאנאנד די נרות שבת און דערנאך נרות יום-טוב, און דערנאך די נרות

פון די ימים האחרונים של יום טוב זה, וואס דאס גיט כח און א התחלה ביתר שאת וביתר עוז על כל השבתות והימים טובים עד סוף כל הדורות, אז ס׳זאל זיין יאיר מזלם, און דער ענין פון כשרות האכילה ושתי׳, און דער ענין פון טהרת המשפחה, וואס דאס איז דאך די הקדמה צום ״וזרקתי עליכם מים טהורים וטהרתם״; ״אשריכם ישראל״, מלשון אשר, אז ״לפני מי אתם מטהרים ומי מטהר אתכם – אבינו שבשמים, שנאמר מקוה ישראל הוי׳, וזרקתי עליכם מים טהורים״ מיט די גאנצע אריכות אין דער משנה און דערנאך אין דעם מאמר דיבור המתחיל זה בארוכה ווי די ענינים זיינען אין פשט, רמז, דרוש סוד שבתורה.

און יהי רצון, אז פון די אלע מבצעים זאל ארויס, כמדובר לעיל, ובמהרה בימינו ממש – דער ״מבצע״ פון דעם אויבערשטן, דער ״ואתם תלוקטו לאחד אחד״, ״בנערינו ובזקנינו בבנינו ובבנותינו״. מ׳האט דאך פריער דערמאנט דער ענין פון ״מעלין בקודש״, איז לאחרי ההפסק פון זאגן ״לחיים״, ובשמחה ובתרועה ובקול גדול – וועט מען ממשיך זיין וועגן אן ענין חדש – ניט קיין ״גזירה חדשה – חס ושלום – אני גוזר עליכם״, אבער פון א הצעה און א בקשה, וכפי שיתבאר לקמן, ומתוך שמחה וטוב לבב.

לחיים.

## שיחה ו׳

ס׳איז דאך די לעצטע חדשים רעדט זיך שוין, און רעדט זיך מיט א פרסום און רעדט זיך מיט א שטורעם, בהנוגע צו ״צבאות השם״, די אלע אידישע קינדער, סיי אינגעלעך און סיי מיידעלעך, ״הבל שאין בו חטא״, ווארום זיי זיינען פאר בר-מצוה און פאר בת-מצוה – פאראיינציקן זיי מיט השם, וואס דורך דערויף פאראיינציקן זיי זיך יעדערער איינער מיט דער צווייטע, ביז וואנעט אז ס׳ווערט פון זיי אלעמען ״צבאות השם״, בדוגמא וואס דער נאמען איז דאך גענומען געווארן – וואס דערפאר איז דאס אויך בדוגמא – וואס ס׳שטייט בא יציאת-מצרים, ווי אזוי איז דאס געווען? דערפאר וואס ״הוציא הוי׳ צבאות ישראל״, וואס דאס איז פארבונדן מיט ״צבאות הוי׳״, אז אלע בני ישראל איז ״הוציא ה׳ אותם על צבאותם״ – כל בני ישראל, אז אידן האבן דעמאלט באקומען דעם נאמען פון ״צבאות הוי׳״, ״צבאות השם״. און ״הם הכירוהו תחילה״. וואס דערפאר איז דאס אויך פארבונדן אין גלות האחרון, אין די לעצטע רגעים לפני ״בוא יום ה׳ הגדול״, וואס דעמאלט איז דאך בוא אליהו הנביא, ״והשיב לב אבות על בנים״, ווי רש״י טייטשט אפ ״לב אבות על ידי בנים״, נאך מערער ווי זיי זיינען פארבונדן די אבות מיטן אויבערשטן – ווערט דאס נאך מערער, ״להעלות בקודש״, על ידי בנים ובנות.

און וואס דערפאר איז דאך דער מבצע פון ״צבאות השם״ אויך פארבונדן מיט די ערוואקסענע, נאר דא איז ״הם הכירוהו תחילה״, אז זיי זיינען נאכמער מוסיף אין די עלטערן, ווי די עלטערן שטייער אין זייער ״צבאות השם״, וואס אין צבא כפשוטו זעט מען דאך אויך, אז ס׳איז דא כמה דרגות, און ס׳איז אויך דא חילוקים: ווער ס׳איז דער מתחיל און ווער ס׳גיט אריין דער רוח חיות מיט די התעוררות מיטן שטורעם אין אנשי הצבא – איז דא בכל פלוגה ופלוגה די וואס זיינען מער מסוגל לזה ושייך לזה, און דער עיקר – די וואס טוען דאס בפועל, און ״הבל שאין בו חטא״ איז דאס ווי ער זאגט אין דער נבואה, אז ״והשיב לב אבות – על ידי בנים״. וואס דורך דערויף וואס זיי האבן דעם זעלבן נאמען – איז דאס גופא איז מאחד אפילו אז מ׳געפינט זיך במקומות וואס בגשמיות זיינען זיי רחוקים זה מזה, אפילו מ׳געפינט זיך אין א מעמד ומצב – מצד דעם חינוך אדער מצד אנדערע סיבות – אז מ׳איז רחוק זה מזה אין דעם אופן פון דינען דעם אויבערשטן, אין לערנען תורה און מקיים-זיין מצוות, ביז אויך די חילוקים וואס זיינען דא על פי תורה, אז די זיינען משפחת כהנים, די זיינען משפחת לויים און די זיינען ממשפחת ישראלים, ביז ״גרך אשר בשעריך״ – פאראיינציקט זיי אבער אט דאס זיי געפינען זיך אלע אין דעם זעלבן ״צבאות השם״, וואס די מטרה איז די זעלבע – להוסיף אין פארשפרייטן אידישקייט בא זיך, און אין די הויז, און ארום זיך, ביז אז דאס זאל דערגרייכן אין דער גאנצער וועלט, ״נרות להאיר״, און טאן דאס אין אן אופן מיט א תמימות, וואס דאס איז מסגולת פון קינדער, אן קיינע פניות – זיי מיינען דאס מיט אן אמת, און אין אן אופן פון ״אל יבוש מפני המלעיגים״, ווארום בשעת ער איז אין ״צבא השם״ – במילא האט ער מיט זיך צוזאמען – כמדובר כמה פעמים, אז אין צבא בני אדם איז דער עומד בראש הצבא געפינט זיך במקום אחד, און די אנשי צבא זיינען

מפוזרים בכמה מקומות; דער אויבערשטער וואס "מלוא כל הארץ כבודו" בכלל, ובפרט נאך בהנוגע צו אידן, וואס יעדער איד האט אין זיך "חלק אלוקה ממעל ממש", אט דאס איז ער, דאס איז זיין נשמה, וואס דאס איז זיין עיקר, על אחת כמה וכמה אז ער האט זיך פארשריבן און געגעבן מרצונו ומתשוקתו, און אויך מממונו, צו צדקה, וואס בשעת א איד גיט צדקה – גיט ער דאך דאס צום אויבערשטן, "ויקחו לי תרומה": אז מ'גיט תרומה אויף אן ענין של קדושה – ווערט דאס אן ענין פון "ויקחו לי", און ווי דער דיוק בזה איז, אז ניט נאר ס'איז דא דער "ויתנו לי", נאר "ויקחו לי"- "אותי אתם לוקחים", ווי ער טייטשט דאס אפ, אז דורך דערויף "נעמט" ער און ווערט איין זאך מיטן אויבערשטן – במילא איז ניט שייך ער זאל זיך פאר אימיצן שעמען אדער פאר אימיצן שרעקן זיך, און ס'איז ניט שייך אויך "מפוזר ומפורד" – וויבאלד אז זיי אלע זיינען אונטערוואָרפן און פארבונדן מיטן זעלבן עומד בראש הצבא, ווי דערמאנט פריער פון דעם קאפיטל תהלים וואס דאס "אלקים צבאות", און נאך מערער - אז "הוי' אלקים צבאות", ווערן זיי דאך איין זאך.

אף על פי כן, זיי דארפן דאך אויך האבן צוטאן מיט וועלט, עולם הזה הגשמי, זיי דארפן דאך בפרט אויך איינווירקן אויף אנדערע אידישע קינדער, וואס מאיזו סיבה שתהי' ווייסן זיי נאך ניט, אז זיי זיינען "ארץ חפץ" – איז דערפאר האט מען אויך מציע געווען, אז ס'זאל זיין נאך ענינים המאחדים, וואס פארבינדן זיי אלע צוזאמען, צי דאס וועט זיין דורכן זעלבן צבע פון א לבוש, אדער דער זעלבער "צבע" פון א סיסמה וכיוצא בזה, ווי ס'איז שוין נתפשט געווארן, טאקע מיט שינויים ממדינה למדינה, ס'איז אבער דא ענינים דער צד השוה און נקודות השוות בנוגע צו די ציורים און בהנוגע צו דאס וואס מ'מאלט אויס אויפן בגד אדער דער בגד אליין, כידוע ומפורסם.

אחדות אמיתית אבער איז ווי ער זאגט גלייך ארויסגייענדיק פון מצרים, אז "כאיש אחד ובלב אחד" – איז בשעת דאס איז פארבונדן "נגד ההר", פארבונדן מיט ענין פון תורה ומצוותי' בכלל, און נאכמער – פארבונדן מיט "ההר" וואס דארט איז געגעבן געווארן די תורה, מתן תורה, "משה קיבל תורה מסיני", און כדי דאס זאל אראפ אין אן ענין ווי מ'זעט דאס אויך בעיני בשר, ביז וואנעט אז א קינד וואס ער איז "ארץ חפץ", אבער ער ווייס נאך ניט דערפון – דארף מען אים ניט מסביר זיין בדיבור; מ'באווייזט אים א זאך וואס ער זעט בעיני בשר – איז דאס במיוחד אין תורה שבכתב, ווי דאס איז אויך געווען בנוגע צו הר סיני, אז תורה שבכתב, חמשה חומשי תורה, האט מען אינגאנצן אפגעגעבן בהר סיני, בהנוגע צו תורה שבעל פה, איז "להורותם" איז דאס דערנאך געווען במשך כל הדורות כולם, אף על פי וואס דער כלל און דער יסוד איז געווען בהר סיני, וואס דעמאלט איז געווען אויך די ענינים פון "כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש"; ווען קומט דאס אבער ארויס בגלוי און אלס א חידוש? ווען ס'ווערט געבארן דער "תלמיד ותיק" און ער לערנט תורה, ביז ער דערגרייכט צו דער דרגא אז ער איז מחדש אט דעם ענין, משא"כ תורה שבכתב.

וואס דערפאר איז כדי ס'זאל זיין "כאיש אחד בלב אחד", אין אן אופן אז דאס זאל זיין פארבונדן און געזען דורך עיני בשר אפילו פון א קינד וואס ווייס נאך ניט אז ער איז "ארץ חפץ" און געהערט צו "תורה צוה לנו משה מורשה קהילת יעקב" – איז דאס דורך תורה שבכתב.

וואס דערפאר איז מען מציע א מבצע חדש לגמרי, אז מ'זאל שרייבן א ספר-תורה, און די אותיות שבספר-תורה זו זאל זיין מערניט פאר "צבאות השם", פאר אינגעלעך און מיידעלעך וואס זיינען קודם בר-מצוה און קודם בת-מצוה, און יעדער פון זיי זאל האבן דארט אן אות, און א איד דארף דאך ניט האבן "נהמא דכסופא", ער קען באווייזן קויפן דאס, וואס דעמאלט האט ער דאס בתכלית השלימות זאל יעדערער פון זיי געבן, און אויך א סכום שוה לכל אחד ואחת, און וויבאלד אז מ'געפינט זיך און די הצעה קומט פון ארצות הברית – זאל יעדערער פון זיי געבן א דאלאר.

און דער וואס ער האט נאך ניט אזא גרויסן סכום ברשות עצמו וועט מען אים דאס ערלויבן ער זאל דאס נעמען אויף אויסצאלן: זינט מ'וועט אנהויבן שרייבן די ספר-תורה, אבי ער זאל דאס באצאלן איידער מ'וועט מסיים-זיין די ספר-תורה.

וכמדובר, דאס איז א ספר-תורה געשריבן על ידי כל ישראל וואס געפינען זיך דא, בהסכמתם וברצונם ובודאי מתוך תענוג ורצון שלהם, אבער די אותיות שבתורה זו איז דאס במיוחד פאר אינגעלעך און מיידעלעך פאר בר-מצוה און פאר בת-מצוה.

וואס בשעת די ספר-תורה וועט נסתיים ווערן, וועט דאך דאס ווערן א תורה אחת, אן איין און איינציקער ספר-תורה; ס׳איז דאך ניט חמשה ספרים, ס׳איז דאך איין תורה, וואס זי האט אין זיך ״חצבה עמודי׳ שבעה״ און חמשה חומשי תורה און אזויפיל אותיות וכו׳, אבער דאס איז א ״תורה אחת״ – דאס פאראייניקט אלע זאכן כאחד, וכידוע דער ווארט פון דעם ראגאטשאווער, אז פון דעם ערשטן בי״ת פון ״בראשית״ ביז דעם למ״ד פון ״לעיני כל ישראל״, ״לב״, איז דאס א תיבה אחת, ביז כמדובר, אז דאס איז א הלכה פסוקה בתורה, למעשה בפועל, אז א תורה כשרה דארף זי האבן אזויפיל און אזויפיל אותיות מיט תגין וכו׳ וכו׳, און אט דעמאלט ווערט זי א מציאות אחת, א תורה אחת.

כדי פאראייניקן די זאך נאך מערער – זאל דאס געשריבן ווערן אין אן ארץ וואס זי איז אויך מיוחדת, אן איין און איינציקע לאנד צווישן אלע לענדער פון דער גאנצער וועלט, וואס דאס איז ארץ הקודש, ארץ וואס ״תמיד עיני הוי׳ אלקיך בה מראשית השנה ועד אחרית שנה״, און דארט גופא איז דאך דא מקומות, ״לא תחסר כל בה״, איז דאך דא ״ארץ הרים ובקעות״ מיט אלע פרטים ופרטי-פרטים שבדבר – איז אבער דא אין ארץ ישראל אן ארט וואס ״לא נתחלקה לשבטים״, און דאס איז מאחד, ״עיר שחוברה לה יחדיו״, דאס איז מאחד אלע אידן צוזאמען, און מאחד אלע ענינים שבארץ ישראל צוזאמען – אין ירושלים עיר הקודש.

אויב רבנים וועלן פסק׳ענען, אז מ׳דארף האבן לכל הפחות עשרה מישראל זאלן קויפן עשר אותיות – וועט מען מאכן אן אויסנאם פאר דעם סופר וואס וועט שרייבן די ספר-תורה, און אן אויסנאם – מ׳דארף דאך האבן אויף יעדער ענין אידן וואס זיי זאלן זיין משגיחים על זה ועומדים על גביהם, סיי פון דעם סופר סיי פון דעם קלייבן די געלט, סיי פאנאנדערעקענען זיך מיטן סופר וכיוצא בזה, וואס דאס וועט מען איבערגעבן צו באי-כוחו, צו דעם בית-דין פון אונזערע רבנים וואס געפינען זיך אין ארץ הקודש, צוזאמען מיט זייער ״מזכיר״, אז זיי זאלן זיי די וואס זיי וועלן דאס מארגן זיין בפועל: געפינען דעם סופר, און צוזאמענרעדן זיך מיט אים וועגן אלע פרטים, און דער עיקר –זען אז דאס זאל זיין בכשרות הכי גדולה, און דער עיקר אז ס׳זאל זיין אויך אין אן אופן פון ״אחישנה״ – בזריזות הכי גדולה, אז ס׳זאל געשריבן ווערן בפועל אין אן אופן אז מ׳זאל איר קענען מסיים זיין, ניט חס ושלום אנרירנדיק עפעס פון דעם דיוק הכתיבה וכל השייך לזה, אין אן אופן אז ס׳זאל זיין ״אחישנה״, אין זריזות אין דער זריזות עצמה.

מסתמא הערן זיי אדער מ׳וועט זיי איבערגעבן דאס וואס מ׳האט דא גערעדט, איז גלייך נאך אין מיטוואך׳דיקן טאג, ״שבו נתלו המאורות״, וועלן זיי זיך גלייך אנהויבן טאן אין דעם אויף געפינען דעם פאסענדן סופר, און וואס ער זאל שרייבן דוקא אין ירושלים עיר הקודש, און געפינען דארטן לפי מעמד ומצב ההוא – וואס פארא הידור ס׳דארף זיין בהנוגע לעור, ובהנוגע צו דעם דיו, מיט דעם קולמוס, כל הענינים השייכים לכתיבה זו.

ומה טוב, ווי כאמור, אז ס׳זאל זיין בזריזות הכי גדולה.

וכאמור, אז די אלע קינדער וואס זיינען אין ״צבאות השם״ שוין, על אחת כמה וכמה די וואס מ׳וועט זיי איצטער צוציען דארף דאך בא זיי זיין די תשוקה ביתר שאת וביתר עוז, זאל יעדערער וואס וויל, ברצון הטוב, קויפן אן אות, און דער תשלום בזה איז א דאלאר, און לאו דוקא בבת אחת ווי דער מחצית השקל, וואס ס׳איז אן אויסנאם וואס ס׳דארף זיין דוקא ״בבת אחת״, און דא מאכט ניט אויס אז מ׳וועט דאס אויסצאלן במשך הזמן, אבי ער זאל זיין מכספו, וואס יכול לקנות בו חיי נפשו און ער גיט דאס אפ אויף אן אות בתורה, וואס ווערט געשריבן אין ארץ הקודש, און דארט גופא – אין ירושלים עיר הקודש, און תחת השגחת ובפיקוחם פון כמה רבנים, מורי הלכה בישראל, וואס געפינען זיך אויך אין ארץ הקודש, וואס בודאי וועלן זיי אין דערויף מדייק זיין ככל הדרוש.

ובפרט נאך אז דאס רעדט זיך וועגן דערויף אין א מקום תורה און א מקום תפילה ו"בית גדול" ש"מגדלין בו תפילה" און "שמגדלין בו תורה", און אין אן עת רצון פון כמה עשיריות מישראל וואס "שכינתא שריא", און אין שנת הקהל, און א חודש ניסן, וואס ווי די גמרא זאגט אין ברכות, אז א ווארט וואס ס'שטייט צוויי נו"ן'ען איז דאס א סימן אז "ניסי ניסים נעשו לו", זאל דאס זיין אויך אין די אלע ענינים כפי הדרוש, ביז אין אן אופן פון "ניסי ניסים", אבער א תורה כשרה דארף געשריבן ווערן בדרך הטבע, מיט דיו טבעי און מיט קולמוס טבעי, און פון א אידן וואס ער געפינט זיך א נשמה בגוף און שרייבט מיט זיין ידו הטבעית; מיט אלע כוונות – אבער באצבע ובקולמוס ובדיו ועל קלף גשמי.

וכאן המקום אויך להוסיף – אף על פי וואס דאס איז מובן: אז ס'איז דאך דא אזעלכע אינגעלעך און מיידעלעך וואס זיי ווערן בר-מצוה י"ב ניסן – זאלן זיי אריינכאפן, י"א ניסן זיינען זיי נאך פאר בר-מצוה און פאר בת-מצוה, זיינען זיי – ווי מ'זאגט בלשון המדינה – "עלידזשעבל", זיי זיינען נאך ראוי אויף קויפן אן אות אין דער תורה, משא"כ נאך בר-מצוה וועלן זיי דארפן קויפן אן אות אין א ספר-תורה, וואס איז אויך א כשרה ומדוייקת וכו', אבער וואס דארט איז שוין פארבונדן מיט ערוואקסענע וכו' וכו', און זיי זיינען דער עיקר, און אט דא איז דאס א ספר-תורה פאר "צבאות השם", פאר "הבל שאין בו חטא", בארץ הקודש, ובעיר הקודש, "עיר בה חנה דוד". ובקרוב ממש זאל מען קענען לערנען תורה מפיו של משיח, תורתו של משיח, און אנהויבן גרייטן זיך צו די שנת הקהל, וואס מ'הויבט זיך דאך אן דערצו גרייטן גלייך "כי תבואו אל הארץ" איז זאגט מען "ושבתה הארץ שבת להוי'" – דאס איז די הכנה, ווארום ווען קומט שביעית? ערשט נאך דערויף ווי "שש שנים תזרע שדך", און בשעת די התחלת הכניסה – איז גלייך מחשבתו אין "ושבתה הארץ שבת להוי'", וואס דער סיום וחותם פון "מקץ שנת השמיטה" איז דאך דאס דער שנת הקהל, און "הקהל" בפועל – וועט מען זיך אנהויבן גרייטן דורך "הקהל את העם האנשים והנשים והטף" צו דער גאולה און קבלת פני משיח צדקנו, צו דעם "הקהל" אין בית המקדש השלישי.

און יהי רצון, אז די אלע ענינים זאלן געטאן ווערן מתוך שמחה וטוב לבב, און ס'זאל שוין זיין דער "ויחן שם ישראל נגד ההר", "כאיש אחד בלב אחד": די קינדער, אינגעלעך און מיידעלעך, צוזאמען מיט "לב אבות", די עלטערן זייערע, די פאטערס מיט די מוטערס און די זיידעס מיט די באבעס, און די עלטערע פון זיי די קלענערע פון זיי און די עוברים העתידים להולד במעי אמם, און צוזאמען גרייטן זיך לקבל פני משיח צדקנו בשמחה ובטוב לבב.

לחיים.

## שיחה ז'

אויף מסיים זיין מיט שיעור החומש, שיעור פון תורה שבכתב פארבונדן מיט יום הרביעי – שבו ניתלו המאורות – פון פרשה אחרי, וואס ס'רעדט זיך דאך דארטן דער ענין פון שחוטי חוץ: שחיטה בחוץ, און פאר דערויף, המעלה בחוץ והשוחט בחוץ.

וואס אין דערויף, כאמור, זאגט דאך דער אלטער רבי אז מ'דארף לעבן מיט דער צייט, מיט דער פרשת השבוע, און אין פרשת השבוע גופא – מיטן שיעור פון דעם טאג.

איז על כל פנים די נקודה בקיצור, אז יעדער אידן האט דער אויבערשטער געגעבן חלב ודם – דעם כח התענוג שבנפש, וואס דאס פירט-אן מיטן גאנצן נפש, און אויך מיטן גוף, ביז אויף אזויפיל, אז "שמועה טובה תדשן עצם": אפילו ווען ער איז שוין דורכגעגאנגען דעם גיל וואס ער וואקסט, איז האט דער כח התענוג בכח, אז רגע כמימרא ווערט גלייך "תדשן עצם" בפועל, די עצם הגשמי, און דערנאך איז "הדם הוא הנפש", וואס בפועל, בחיי יום יום, איז דאס דער ענין פון קאכן זיך.

וואס דאס איז די צוויי ענינים, וואס זיי פירן אן מיטן מענטשן בכל עניניו, אז ס'זאל זיין א מעשה און א דיבור און א מחשבה, ווי ער זאגט אין סידור, אין דרושי ראש השנה על פי כוונת הבעל שם טוב, דארף זיך דאס אנהויבן דערפון וואס ער האט א תענוג אין דעם.

וואס דאס איז דער ענין פון ״חלב״. דערנאך איז דער ענין פון דם, אז ער האט א נפש, און דער נפש איז מחי׳ את הגוף ומתאוה בכל הגוף, און דאס איז מיט א חמימות, וואס דאס איז דער ענין הדם, דער קאך – איז אט דעמאלט קומט דאס אראפ ביז אין מעשה בפועל.

וואס דאס איז דאך דער ענין פון א קרבן איז דאך – ווי ער זאגט אין יחזקאל – ״להקריב חלב ודם״.

אט דאס איז נקודות און דער עיקר פון א קרבן, ווי ער זאגט בפירוש אין תורה שבכתב, אין נבואת יחזקאל, דער נביא פון בית המקדש השלישי, און אויך כמבואר בארוכה אין די דרושים וואו ס׳רעדט זיך ווי דאס איז דער ענין פון חלב ודם, תענוג און קאך, אין עבודת האדם.

און אט דא זאגט מען: וויבאלד אז ״לא ברא הקב״ה דבר אחד בעולמו לבטלה״ – איז א זיכערע זאך, אז דער תענוג וואס אין יעדער אידן און דער קאך וואס בא יעדער אידן דארף אויסגענוצט ווערן אין עניני קדושה, עאכו״כ אז מ׳האט די הבטחה ״אל ידח ממנו נדח״ – אז אזוי וועט דאס זיין בפועל, נאר מ׳האט דאך דעם ״יפה שעה אחת קודם״ – ״זריזין מקדימין למצוות״ אפילו אין דעם זעלבן טאג, עאכו״כ אויף ניט אפלייגן דאס אויף מארגן, עאכו״כ ניט אפלייגן דאס אויף מחר – ״יש מחר לאחר זמן״. און אט דא האט מען די הזהרה פון היינטיקן שיעור, אז מ׳דארף זיין אויסגעהיט מ׳זאל ניט מקריב זיין דעם קרבן בחוץ: ס׳קען קומען צוגיין דער ״קלוגינקער״, וואס ״אומן הוא באומנתו״, אויסנוצן אט דאס וואס א איד שטייט אין א תנועה פון א ״קרבן״, פון מסירת-נפש, אויסנוצן אט דאס וואס דער איד האט א כח התענוג אלקי, און האט א כח הדם – כח הקאך אלוקי, און זאגן אים: ״אומר לו כך:״ ער איז מסכים, אז וויבאלד דו ביסט א איד דארפסטו שטיין אין א תנועה פון מסירות-נפש; וויבאלד דער אויבערשטער האט דיר געגעבן דעם תענוג און דעם קאך, איז ניט דו דארפסט דאס טאן מיט מסירת-נפש אבער אין אן אופן פון קרעכטשען, ווארום מ׳האט דיר געגניט און דו האסט חס ושלום קיין ברירה ניט – נאר דארפסט דאס טאן אין אן אופן פון ״חלב ודם״, פון תענוג און מיטן גאנצן שטורעם פון דעם קאך, וואס דאס באלעבט אים אינגאנצן.

אינגאנצן מיט אים מסכים.

דערנאך גיט ער זיך מיט אים א פרואוו, אז אפשר זאלסט דאס טאן ״בחוץ״.

ניט חס ושלום ווי ער איז דערנאך מסיים ״לשעירים״, אבער דארף מען דאס טאן דוקא אין ד׳ אמות של תורה און ד׳ אמות של הלכה – טו דאס אין עניני רשות! דערנאך וועסטו צוזאגן דעם אויבערשטן, צוזאגן זיך, אז דו וועסט זיך קאכן אין פרנסה מיטן גאנצן תענוג און מיטן גאנצן קאך – וועסטו דערנאך געבן, על פי דין איז געגוג ״מעשר״, וועסטו געבן מצוה מן המובחר, א חומש, און דערנאך וועסטו נאך מוסיף א ״מחצית השקל״ אויף דעם חומש, און נאך מערער – דריי מחצית השקל אויפן חומש! זאגט תורה דיר דעם כלל, אז ״מים הזידונים״, ״מים רבים לא יוכלו לכבות את האהבה״, איז דאס ניט דער ענין וואס מ׳האט טירדות פון פרנסה – דאס איז געווען בזמן שבית המקדש הי׳ קיים איז געווען מס מלך ושרים, ואדרבה נאך מער מיסים ווי איצטער; אין וואס באשטייט דער גלות? – אז דאס וואס דארפן דארף מען דאס טאן ״בלא לב ולב״, ווי דער לשון אין תורה אור, און ער טוט דאס מיט זיין גאנצן תענוג און מיט זיין גאנצן דם.

ער האט תענוג און האט חלב ודם און האט תענוג און קאך, און ער דארף דאס אויסנוצן – כמדובר לעיל – בתכלית השלימות, ער דארף דאס אויסנוצן ביז אין אן אופן פון מסירת-נפש; וואו דארף דאס אבער זיין? דאס דארף זיין ״במקום אשר יבחר הוי׳״, אין א מקום קדוש, שממנו הושתת העולם, וואס דאס איז דער הר הבית און דער בית המקדש שעל הר הבית, און אין בית המקדש גופא – אט דארט וואו אידן איז ״יקריבו עליו את קרבנותיו״, אנהויבנדיק פון דעם ״עולת תמיד״, וואס דאס איז געווען התחלת כל העבודות כולם, וואס דערפאר דארף דאך דאס זיין אין א מעמד ומצב פון ״לא תכבה״, און אין א לשון פון די ישיבות – אין אן אופן פון א ״פעולה נמשכת״ כל היום כולו! ניט נאר א פעולה סתם – נאר אין אן אופן פון ״לא תכבה״ – דאס ברענט א שטענדיקער פייער, אבער וואו איז דאס? ״על מזבח הוי׳״. איי דו דארפסט האבן פרנסה און צוליב צדקה דארף זיין ״כל מעשיך לשם שמים״ – איז דארטן איז דער ענין פון ״בלא לב ולב״. ואדרבה, ווי מ׳זעט אין פועל, אז אט דעמאלט איז מען מער מצליח – בשעת מ׳ליגט ניט אין תחבולות בני אדם און

ווילדע דרייען, וואס דערנאך לאזט זיך אויס חס ושלום שלא כדבעי: ער האט אזויפיל געדרייט — אז ער האט זיך פארדרייט, דעם צווייטן פארדרייט, דעם וואס דארף ביי אים מאנען די מיסים פארדרייט, און דערנאך ווייס ער ניט, ניט וואס מיט אים טוט זיך, ניט וואס מיט זיינע רווחים טוט זיך וכו׳, פארוואס? ווארום תמורת זה וואס מ׳דארף ״יגיע כפיך כי תאכל״ — איז דאס ביי אים יגיע התענוג און יגיעת הדם און יגיעת הראש און יגיעת הלב — היפך ווי תורת חיים האט אים אנגעוויזן.

דערנאך איז דאך דא אזוינע וואס טענה׳ן: ״בחנני הוי׳ ונסני״.

א פסוק אין תהלים.

ער שטעלט זיך אונטער און נעמט אויף זיך ״בחנני הוי׳״: ער וועט טאקע טאן אין אזא אופן, וכאמור — ער וועט געבן ניט מעשר נאר חומש, און ניט חומש נאר מיט דריי מחצית השקל נאכמערער, אדער מיט נאכמערער.

ואדרבה — ״בחנני הוי׳ ונסני״! וואס מ׳ווייס דאך חס ושלום ווי דאס האט זיך אויסגעלאזט, און ווי כמדובר כמה פעמים, אז בכל יום ויום פאר די תפילות, מיט קריאת-שמע מיט פסוקי דזמרה וכו׳, זאגט מען שוין א תפילה ״אל תביאני לידי נסיון״: קודם כל הענינים, קודם לימוד התורה, אפילו ווי מ׳איז לומד תורה אין ברכת השחר, איז שוין דא די תפילה פון ״אל תביאני לידי נסיון״. וואס דאס שטייט אויך אין דעם שיעור חומש פון דעם טאג.

וואס היובן הויבט זיך דאס אן וואס ״ישחוט במחנה או מחוץ למחנה״. וואס אזוי גייט דער יצר: ניט ער הויבט-אן ניט אויפן מזבח, נאר וואס דען חס ושלום אין דעם היפך — אבער וואס איז דאס דוקא ״על המזבח״ דעם קרבן — ער וועט דאס טאן במחנה.

מחנה שכינה.

אבער ניט על המזבח! זאגט מען, אז ״כך היא אומנתו של יצר הרע״: ער הויבט אן ״אשר ישחוט במחנה״.

דערנאך, אז ער האט דאס חס ושלום געפועל׳ט — ווערט דערנאך ״מחוץ למחנה״.

דערנאך רחמנא ליצלן, מיט וואס לאזט זיך דאס אויס? — ״לשעירים אשר הם זובחים על פני השדה״! בלשון הגמרא ״אומר לו לך ועבוד״ דעם ענין פון ״לשעירים״. כדי ניט צוקומען רחמנא ליצלן אין דעם ענין — דארף מען דאס באווארענען בתחילה.

און דער באווארענען בתחילה איז א לייכטע זאך, ווארום ער האט ניט צוגעלאזט, ניט אריינגעלאזט דעם ״אורח״, וואס ביום ראשון נקרא ״אורח״; בהתחלה האט ער אים מלכתחילה ניט אריינגעלאזט.

במילא איז ברענגט ער ״להקריב חלב ודם על מזבח הוי׳״.

און דערנאך גיט מען כח, אז מ׳זאגט אז פרשה מיוחדת בתורה, וואס די ציוויים שבתורה איז דאך אויך מלשון הבטחה, איז אויך דער ציווי אז מ׳זאל ניט מקריב זיין במחנה, ניט אויפן מזבח, אפילו ניט אין מחנה שכינה; מ׳זאל ניט מקריב זיין — עאכו״כ — מחוץ למחנה; מ׳זאל ניט מקריב זיין רחמנא ליצלן ״לשעירים אשר הם זובחים על פני השדה״ — איז דא אויף דערויף דער נתינת-כח און די הבטחה שבתורה, אז א איד לערנט תורה, ״בראתי לה תורה תבלין״, אז ניט נאר חס ושלום ער פועל׳ט ניט, נאר אדרבה — ס׳ווערט דער ״תבלין״ המתבל את המאכל, ״בכל לבבך — בשני יצריך״, און ס׳ווערט דער ״להקריב חלב ודם על מזבח הוי׳״, און פון דער החלטה, און דערנאך די החלטה קומט אראפ בפועל אין מעשינו ועבודתינו בזמן הגלות, אז מ׳פירט זיך אזוי, אין דעם ״להקריב חלב ודם על מזבח הוי׳״, און די אנדערע ענינים טוט מען ״בלא לב ולב״ — האט מען זיי אויך אין אן אופן פון ״רוויחא״, צי דאס איז בני צי חיי צי מזוני רוויחא — איז כולם אין אן אופן פון רוויחא, אז מ׳האט א הרחבה און א ריווח אין גשמיות און אין רוחניות, און אין רוחניות און אין

גשמיות, ושניהם גם יחד, ומתוך שמחה וטוב לבב גייט מען מקבל זיין פני משיח צדקנו אין אן אופן פון "וינצלו את מצרים", אז מ'נעמט ארויס נוסף צו דעם אייגענעם חלב ודם, צו דעם אייגענעם תענוג און קאך – נעמט מען אויך מיט אלע ניצוצי קדושה וואס זיינען דא בכל מקום שהם, און מ'גייט "קהל גדול ישובו הנה" במהרה בימינו ממש, ביחד, "ושב הוי' אלקיך את שבותך", "והשיב לא נאמר אלא ושב", דער אויבערשטער גייט מיט יעדער אידן במיוחד, אין ארץ הקדוש, במהרה בימינו ממש, בגאולה האמיתית והשלימה.

## שיחה ח'

אויף ליתר שאת, איז דארף מען ניט באווארענען, אבער ליתר שאת וועט מען דאס אויך זאגן בפירוש, אז דאס וואס מ'האט גערעדט פאר אידישע קינדער די ספר-תורה – איז דאס לאו דוקא די וואס זיינען שוין פארשריבן אין "צבאות השם"; אויב ער איז אן אידיש קינד – איז אט דעמאלט קען ער קויפן, אויב דאס איז ברצונו הטוב, אן אות אין דער ספר-תורה, און אויב די אותיות פון איין ספר-תורה וועלן זיין אינגאנצן אויספארקויפט – וועט מען שרייבן א צווייטע ספר-תורה, און דער עיקר, אז ס'זאל זיין "כל צבאות הוי'", אלע אידישע קינדער, סיי אינגעלעך און סיי מיידעלעך, און גיין בקרוב ממש מיט די ספר-תורה'ס, און נאך פריער, נאך איידער זיי וועלן זיי נגמר, לקבל פני משיח צדקנו, בשמחה ובטוב לבב.

און ארויס גיין פון גלות אין אן אופן וואס "בשמחה תצאו ובשלום תובלון".



ועד תלמידי התמימים העולמי

770 איסטערן פארקוויי • ברוקלין נ.י.